STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05150

OYF'N FIDEL

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Becker
in memory of
his grandparents, Anna & Harry Becker and Celia & Abraham Fried

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפ'ן פידעל

— און —

א ווינגרישנער ביליעט

צוויי אינטערסאנטע ערצעהלונגען

— פון —

שלום עליכם.

היברו פאבלישינג קאמפאני
632–34 בראדוויי, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY
632-34 Broadway, New York.
1928

אויפ'ן פידעל.

ערצעהלונג פון דיא קינדער יאהרען.

פון

שלום עליכם.

א.

— היינט וועל איך אייך קינדער, שפּיעלען אביסיל אויפ'ן פידעל, נישטא, אזוי דאכט זיך מיר, קיין שענערעס און קיין בעסערעס ווי אז מע קען שפּיעלען אויפ'ן פידעל. וואס, אפשר נישט אזוי? איך ווייס נישט ווי אזוי איהר — איך, פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, בין איך אויסגעגאנגען נאך א פידעל און האב ליעב געהאט גלאט כלי־זמר ווי דאס לעבען! איז געווען ערגיץ א חתונה אין שטעדטיל, בין איך געווען דער ערשטער וואס איז געלאפען מקבל פנים זיין די כלי־זמר, זיך פערגנבה'נען פון אונטען צום קאנטרבאס, א ציה טהון ביי דער גראבער סטרונע — בום! און אנטלויפען. בום! און אנטלויפען. פאר דעם דאזיגען „בום" האב איך אמאל געחאפט פון בעריל באס, א בייזער יוד מיט א צעפלעצטער נאז און מיט א שארפען קוק, האט זיך געמאכט ווי ער זעהט ניט אז איך גנבה זיך צום קאנטרבאס, און בשעת איך האב אויס געצויגען די האנט צו דער גראבער סטרונע האט ער מיר אנגעחאפט פאר'ן אויער און אבגעפיהרט מיך מיט כבוד צו דער טיר:

— נא, שייגעץ איינער, קוש די מזוזה!

דאס האט מיך אבער ווינציג וואס אנגעלערינט. איך האב נישט אבגעטראטען פון די כלי־זמר אויף קיין האר, איך האב זיי ליעב געהאט אלע, פון שייקע פידעלי מיט דער שעהנער שווארצער באָרד און מיט די דינע ווייסע פינגערליך, ביז געצי פייקלער מיט'ן שעהנעם הארב און מיט'ן היבשען איך בעט אייך איבער אייער כבוד פליך איבער די אויערען. נישט איין מאהל בין איך געלעגען אונטער א

באנק און געהערט ווי די כלי־זמר שפּיעלען, ווארום מע האט מיך געטריבען אהיים, און פון דארטען, פון אונטער'ן באנק געקוקט אויף שייקעס דינע פינגערליך ווי זיי טאנצען איבער די סטרונעס, און זיך צוגעהערט צו די זיסע קולות, וואס ער האט אזוי קונציג ארויסבעקומען פון זיין פידעלי.

א צוקאכטער פלעג איך נאכדעם ארומגעהען עטליכע טעג כסדר, און שייקע מיט'ן פידעלי איז מיר געשטאנען פאר די אויגען. ביינאכט האב איך איהם געזעהען אין חלום און בייטאג אויף דער וואהר — ער איז מיר נישט ארויס פונ'ם קאפּ. אז קיינער האט נישט געזעהען פלעג איך מיר פארשטעלען אז איך בין שייקע פידעלי, אויסבייגען די לינקע האנד און מאכען מיט די פינגער און געבען א פיהר מיט דער רעכטער האנד ווי מיט'ן סמיק, בשעת מעשה פערווארפען דאס קעפּיל אויף אזייט, די אויגען אביסעלע צוגעמאכט, — פונקט ווי שייקע, ס'זאל דאס פעהלען א האר!

האט דער זעהען דער רבי נטע־לייב — ס'איז געווען סאמע ביים לערנען — אז איך מאך עפּעס מיט די הענד און פערווארף דאס קעפּיל און גלאנץ מיט די אייגליך, האט ער מיך אבגעשטעקט א רעכטען פּאטש:

— א הולטיי קאן! מע לערענט מיט אים קמץ־אלף, האפּט ער פליגען!

ב

איך האב מיר געגעבען דאס ווארט, עס מעג זיך קעהרען די וועלט, איך מוז האבען א פידעלי, עס מעג מיר קאסטען מי יודע וואס! נאר פון וואס מאכט מען א פידעל? געוויינטליך פון „טענענהאלץ". ס'איז אבער גרינג אויסצורעדען טענענהאלץ! וואו קריגט מען דאס דאזיגע האלץ, אז בסך הכל וואקסט דאס זאגט מען נור אין ארץ־ישראל? וואס טהוט גאט? גיט ער מיר אריין אז מחשבה. בייא אונז איז געווען איין אלטע קאנאפּע, א ירושה קאנאפּע נאך פונ'ם זיידען רב אנשיל, וואס איבער איהר האבען זיך געשלאגען מיינע צוויא פעטערס מיט'ן טאטען עליו השלום. דער פעטער בעני האט געטענה'ט,

אז ער איז דער עלטערער זוהן, קומט איהם די קאנאפע; און דער פעטער סענדיר האט געטענה'ט, אז ער איז דער יונגסטער, קומט איהם די קאנאפע, און דער טאטע עליו השלום האט געטענה'ט, אז ער איז טאקע ניט מעהר ווי איין איידעם, האט ער אויף דער קאנאפע קיין שליטה ניט, נאר אזוי ווי זיין ווייב, דאס הייסט די מאמע מיינע, איז א בת יחידה, קומט איהר די קאנאפע. דאס איז איין מאל אוועק. והשנית שטעהט די קאנאפע ביי אונז אין שטוב, איז די קאנאפע אונזער קאנאפע, האבען זיך ארייננעמישט בײדע מומעס, די מומע איטקע און די מומע זלאטקע, און האבען אנגעפיהרט א רכילות פון איינעם צום אנדערען, קאנאפע־קאנאפע, די שטאט האט זיך געווינט מיט דער קאנאפע! — בקיצור די קאנאפע איז געבליבען אונזער קאנאפע.

די דאזיגע קאנאפע איז געווען א פשוטע א הילצערנע קאנאפע, נאר בעצויגען מיט א דין האלץ, וואס איז אין עטליכע ערטער אבגעשטאנען, געווען אויפגעבלאזען ווי א פידפאליק; אט דאס איבערשטע האלץ, וואס איז אבגעשטאנען, איז געווען דאס אמת'ע „טענענהאלץ", וואס געהט אויף פידלען. אזוי האב איך געהערט זאגען אין חדר. איין חסרון האט די קאנאפע געהאט, און דער דאזיגער חסרון איז געווען א מעלה, דהיינו: אז מע האט זיך אויף איהר אנידערגעזעצט האט מען נישט געקענט אויפשטעהן, מחמת זי איז געשטאנען אביסיל בארג אראב, פון איין זייט משופע'דיג און אין מיט'ן מיט א גרוב. איז אבער געווען די מעלה, וואס קײנער האט נישט געוואלט זיך זעצען אויף איהר, האט מען זי אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל, געגעבען א „טשיסטא אסטאווקע".

אט אויף דער קאנאפע האב איך געווארפען איין אויג, א סמיטשיק האב איך מיר צוגעגרייט נאך פון לאנג. איך האב געהאט א חבר שמעלי, יודעל דעם בעל־עגלה'ס, האט ער מיר צוגעזאגט עטליכע האר פונ'ם טאטעס פערדס ווײדעל, און זשוועצי אויף צו שמירען דעם שמיציק האב איך אויך געהאט; איך האב פיינט געהאט זיך פערלאזען אויף נסים; איך האב דאס אויסגעביטען ביי מיינעם א חבר מאיר־ליפא־שרה'ס אויף אשטיקעל שטאל פון דער מאמעס קרענא־

לינע וואס האט זיך געוואלגערט אויפ'ן בוידעם. פונ'ם שטיקעל שטאל האט נאכדעם מאיר־ליפא־שרה'ס געמאכט זיך א מעסעריל, פון ביידע זייטען גוט אנגעשארפט. האב איך אפילו חשק געהאט זיך אבבייטען מיט איהם צוריק, האט ער ניט געוואלט; ער האט זיך צושריגען:

— א חכם א יוד וואס זאגט איהר אויף זיין טאטען? איך הארעווע אב דריי נעכט, איך שארף און שארף און צושניידט זיך אלע פינגער שארפענדיג, קומט ער איצטער צוגעהן און וויל זיך אבבייטען צוריק!

— קוק איהם אן אבּיסיל! — זאג איך — נו דארף מען ניט! א טהייערע מציאה אשטיקעל שטאהל! קארג שטאל וואלגערט זיך בייא אונז אויפ'ן בוידעם? עס וועט חאפּען אויף קינדער און קינדס קינדער!

הכלל איך האב געהאט אלסדינג וואס מע באדארף. עס איז געבליבען נור איין ארבייט: קאלופּען דאס „טענענהאליץ" פון דער קאנאפּע. איך האב אויסגעקליבען דערויף זעהר איין וואוילע צייט; בשעת די מאמע איז געוועז אין קלייט און דער טאטע האט זיך נאכ'ן עסען צוגעליינט שלאפען, האב איך זיך פערקליבען אין ווינקעל אריין מיט א צוויאק און האב זיך גענומען צו דער ארבייט גאנץ געשמאק. האט דער טאטע דער הערט דורכ'ן שלאף, ווי עמיצער באברעט זיך. האט ער פריהער געמיינט א פנים, אז ס'איז מייז אין שטוב, האט ער אנגעהויבען צו שרייען פון דארטען: קוש! קוש! איך בין געבליבען א געשטארבענער... דער טאטע האט זיך איבערגעקהרט אויף דער אנדערער זייט, אז איך האב דערהערט אז ער חראפּעט האב איך זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. פלוצים — איך טהו א קוק — דער טאטע שטעהט און קוקט אויף מיר מיט מאדנע אויגען. עס ווייזט אויס אז תחילת האט ער בשום אופן ניט פערשטאנען וואס דאס איז. נאכדעם ער האט דערזעהען די צעקארדאשעטע קאנאפּע, האט ער מיך ארויסגעצויגען פון דארטען פאר'ן אויער און האט מיך אזוי גע־שלאגען, אז מע האט מיך בעדארפט מונטערען, פשוט אבגיסען מיט קאלט וואסער.

— גאט איז מיט דיר! וואס האסט דו געטהון מיט'ן קינד, האט האט די מאמע געוויינט מיט טרעהרען אויף די אויגען.

— דער קדיש דיינער! ער וועט מיך ארייַנטרייבען א לעבעדיגען אין דער ערד אריין! — זאגט דער טאטע בלאס וויא די וואנט, חאפט זיך פאר'ן הארצען און פערהוסט זיך אויף עטליכע מינוט.

וואס זשע דארף מען זיך אזוי אבעסען דאס הארץ? — זאגט צו איהם די מאמע — ביזט אזוי אויך א קראנקער! טהו א קוק וואס פאר א פנים דו האסט, אזא יאהר אויף מיינע שונאים!

ג.

דער חשק צו שפיעלען אויפ'ן פידעל איז געוואקסען מיט מיר אינ־איינעם. וואס עלטער איך בין געווארען איז דער חשק געווארען נאך גרעסער, און ווי אויף צו להכעיס האב איך בעדארפט אלע טאג הארכען כלי־זמר. פונקט אויפ'ן מיטען וועג, צווישען דער היים און צווישען חדר, איז געשטאנען א קליין שטיבעל מיט ערד געדעקט, פלעג זיך פון דארטען תמיד לאזען הערען פערשידענע קולות און געזאנגען פון אלערליי כלים, און מעהרסטענטהייל קולות פון א פידעל. דארטען איז געזעסען א כלי־זמר נפתלצי בעזבראדקע, א יוד מיט איין אונטערגעהאקטע קאפאטע, מיט אונטערגבויגענע פאות און מיט א געפריסטען קאלנער; א נאז האט ער געהאט א היבשע, אויסגע־זעהען ווי א צוגעקלעבטע, ליפען גראבע, ציידן שווארצע, דאס פנים געשטיפעלט און אהן סימן פון אבארד, — און דערפאר טאקי האט מען איהם גערופען „בעזבראדקע". אווייב האט ער געהאט א מאשינע, האט מען זי גערופען „די מומע חוה", און קינדער איז ביי זיי געווען א טוץ אנדערהאלבען, אויב נישט מעהר, אבגעריסענע, האלבנאקעטע און בארוועסע, און אלע פונ'ם גרעסטען ביז'ן קלענסטען, האבען זייא גישפילט, דער אויפ'ן פידעל, דער אויף דער „אלט", דער אויפ'ן באס, דער אויפ'ן טרומייט, דער אויפ'ן פלייט, דער אויפ'ן פאגאט, דער אויף דער ארפע, דער אויפ'ן צימבעל, דער אויף דער באלאלייקע, דער אויפ'ן פויק, דער אויף די טאצען. צווישען זיי זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבען געקאנט אויספייפען דעם גרעסטען נגון מיט די ליפען, אויף די צייהן, אויף גלעזליך אדער אויף טעפליך, אויף שטיקליך האלץ, אדער נאר אויף די באקען — שדים, רוחות און נאר!

מיט'ן דאזיגען געזינדיל האב איך מיך בעקאנט נאר אומגערעכט איך בין געשטאנען איין מאל בייא זייא אונטער'ן פענסטער, זיך אונטערגעהערט ווי זיי שפּיעלען, האט איינער פון די עלטערע קלדער, פיני דער פלייטיסט, אבחור פון א יאהר פופצעהן, גאר א גארווייסער, מיך דערזעהען שטעהען, איז ער ארויסגעגאנגען צו מיר און פרעגט מיך צו עס געפעלט מיר זייער שפּיעלען?

— הלואי — זאג איך — וואלט איך אין צעהען יאהר ארום אזוי געשפּיעלט!

— קאנסט דאס אויספיהרען — מאכט ער צו מיר און גיט מיר אנצוהערעניש, אז פאר צוויי קארבען א חודש וועט מיך דער טאטע זיינער אויסלערנען שפּיעלען, און אויב איך וויל וועט ער מיך לערנען, דער זוהן הייסט דאס.

— אויף וואס פאר אינסטרומענט — מאכט ער — וואלסט דוא געוואלט שפּיעלען, אויפ'ן פידעל?

— אויפ'ן פידעל.

— אויפ'ן פידעל — מאכט ער — נעם איך ביי דיר סך הכל פינף גילדען א חודש, און דער טאטע וועט נעמען ביי דיר נישט ווינציגער פון צוויי קארבען, און אפשר טאקי אלע דריטהאלבען. קאנסט צאהלען דריטהאלבען קערבליך א חודש? צי דו ביזט אזא כתריליק ווי איך?

— קאנען קאן איך — זאג איך — נאר וואס דען? עס טאר נישט וויסען דערפון נישט דער טאטע, נישט די מאמע, נישט דער רבי.

— חס וחלילה! — מאכט ער — ווער דארף דאס געהן אויס־פויקען? אפשר געפינט זיך ביי דיר א ציגאר טוטין, אדער א פאפּיראס? ניין? דו רויכערסט ניט? אנטלייה זשע מיר א פּיטאקיל, וועל איך מיר אליין קויפען פאפּיראסען. נאר זאלסט ניט זאגען קיינעם, מחמת דער טאטע טאר נישט וויסען אז איך רויכער, און די מאמע וועט געוואהר ווערען אז איך האב געלד וועט זי דאס גלאט צונעמען און קויפען בייגעל אויף אנבייסען. קום אין שטוב אריין, וואס ווענען מיר דא אויסשטעהן?

ד.

מיט גרויס פחדים, מיט אקלאפּעדיג הארץ און מיט ציטערנדיגע פיס האב איך אריבערגעשפּאנט די שוועל פון דאזיגען קליינעם גן־עדן.

מיין חבר פיני האט מיך פארגעשטעלט פאר׳ן פאטער:

— שלום־נחום־וואוויקס, א נגיד׳ס א יונגיל, האט חשק לערנען אויפ׳ן פידעל.

נפתלצי בעזבאראדקע האט אונטעגעבויגען די פּאות, צורעכט געמאכט דעם קאלנער, פערשפּילעט די קאפּטע און פערבונדען מיט מיר אברייטען שמועס מכח שפּיעלען בכלל און אויפ׳ן פידעל בפרט. גיגעבען מיר צו פערשטעהן אז פידעל איז די בעסטע און די שענסטע פון אלע כלים, עלטערס און חשוב׳ערס פון פידעל איז שוין גאר נישט דא אויף דער וועלט. א סימן האב איך, פאר וואס עפּיס דערעזשירט תמיד די פידעל, ניט דער טרומייט, אדער די פלייט? מחמת פידעל — דאס איז די מאמע פון אלע כלים.

אזוי האט מיר נפתלצי בעזבאראדקע געלייענט א גאנצע לעקציע פון מוזיק, געמאכט בשעת מעשה מיט די הענד און מיט דער נאז, — און איך בין געשטאנען און געקוקט איהם אין מויל אריין, בעטראכט די שארפע צייהן זיינע און געשלונגען, ממש געשלונגען די ווערטער.

— פידעל, פערשטעהסט דו מיך, — זאגט צו מיר ווייטער נפתלצי בעזבאראדקע, און איז צופריעדען א פּנים מיט דער לעקציע, — פידעל פערשטעהסט דו מיך, איז אזא כלי וואס איז עלטער פון אלע כלים. דער ערשטער פידלער אויף דער וועלט איז געווען תובל קין, צי מתושלח, איך געדענק שוין ניט אקוראט. דו קעהרסט בעסער וויסען, דו לערנסט דאך אין חדר? דער אנדערער פידלער איז געווען דוד המלך. נאך איינער, א דריטער, איז געווען, פאגאניני האט ער גע־הייסען, אויך א יוד; אלע בעסטע פידלער אויף דער וועלט זענען געוועזן יודען למשל סטעמפּעני, פדהצור. פון זיך רעד איך ניט. מע זאגט אז איך שפּיעל ניט שלעכט אויפ׳ן פידעל; נאר ווי קום איך צו פאגאנינין? פאגאניני, זאגט מען, האט פערקויפט דעם אשמדאי דיא נשמה פאר׳ן פידעל. פאגאניני האט פיינט געהאט שפּיעלען פאר גרויסע מענשען, מלכותים און פירסטען, האטש מע פלעגט איהם אב־

גילדען. ער האט בעסער ליעב געהאט שפּיעלען פאר ארימע לייט אין אלע שיינקליך, אין אלע דערפער, אדער גאר אין די וועלדער פאר ווילדע חיות און עופות. אט וואס פאר א פידלער פאגאניני איז געווען... עי, חברה־פלעציל, צו די כלים!

אזוי האט נפתלצי בעזבאראדקי אויסגערופען צו זיין קאמאנדע קינדער, וואס זענען זיך צונויפגעקומען אלע אין איין מינוט, גענומען זיך איטליכער צו זיין אינסטרומענט, נפתלצי אליין איז אויפגעשטאנען א זעץ געטהון מיט'ן סמיק אין טיש אריין, געווארפען א שארפען קוק אויף איטליכען בעזונדער און אויף אלע מיט אמאל — און מע האט א שפּיעל געטהון א קאנצערט אויף אלערליי אינסטרומענטען מיט אזא כח, אז איך בין שיער ניט אומגעפאלען פון די פיס. איטליכער האט זיך געפלייסט איבערשרייען דעם אנדערען, און מעהר פון אלע האט מיך פערשריגען איינער א קליינער, וואס האט געהייסען חעמעלי, א טרוקען יונגעלי מיט א נאס נעזעלי און מיט בארוויסע אנגעדראלענע פיסליך. חעמילי האט געשפּיעלט אויף א משונה מאדנע כלי, עפּיס א מין זאק א זעלכער, וואס אז מע בלאזט איהם אן, לאזט ער נאכ־דעם ארויס א משונה קול, א מאדנעם קוויטש, ווי א קאץ בשעת מע טריט איהר אן אויפ'ן ווידעל. חעמעלי האט מיט'ן בארוויסען פיסעל אויסגעשלאגען טאקט, געקוקט די גאנצע צייט אויף מיר מיט קליינע גנבה'שע אייגעליך און אונטערגעווינקען, ווי איינער רעדט: „אבער א יא איך בלאז גוט?” נאר מעהר פון אלע האט געארבייט נפתלצי אליין; ער האט אי געשפּיעלט, אי געדערעזשירט, געארבייט מיט די הענד, און מיט די פיס, מיט דער נאז און מיט די אויגען און מיט'ן גאנצען גוף, און טאמער חלילה האט עמיצער געמאכט א פעהלער האט ער קריץ געטהון מיט די צייהן און א זאג געטהון מיט כעס:

— פארטא, פארחוץ, פארטא — פארטיסימא!... טאקט, ממזר, טאקט!... איינס צוויי דריי! איינס צוויי דריי!...

ה.

אבגעמאכט מיט נפתלצי בעזבאראדקי פאר דריי מאל אין דער וואך אנדערהאלבען שעה אין טאג צוויי קערבליך א חודש, בעט איך

איהם נאך אמאל און נאך אמאל עס זאל זיין בסוד סודות, א ניט בין איך א פערפאלענער. ער גיט מיר זיין עהרענווארט, אז עס וועט נישט וויסען דערפון קיין פויגעל.

— מיר זענען אזעלכע מענשען — זאגט ער צו מיר מיט גדלות און מאכט צורעכט דעם קאלנער — וואס קאטארי קיין געלד האבען מיר ניט, נאר יושר און עהרליכקייט איז בייא אונז פאראן מעהר וויא ביים גרעסטען גביר! אפשר געפינט זיך ביי דיר עטליכע גראשענס?

איך חאפּ ארוים און געב אים אקערביל. נפתלצי נעמט דאס צו ביי מיר, ווי א פראפעסער, מיט צוויי פינגער, רופט צו די מוטער חוה, קוקט אן א זייט און מאכט צו איהר:

— נא קויף עפּים אנבייסען!

די מוטער חוה נעמט צו ביי איהם דאס קערביל שוין דוקא מיט ביידע הענד און מיט אלע פינגער, בעטראכט דאס דוקא פון אלע זייטען און טהוט א פרעג דעם מאן, וואס זאל זיא קויפען!

— וואס דוא ווילסט — ענטפערט ער איהר כלומר'שט קאלט־בלוטיג—קויף בולקעס עטליכע, הערינג א צווייא דריי, און א ציבעלי פערגעס ניט, עסיג און בוימעל, נו, און גלעזיל בראנפען דארטען...

אז די דאזיגע אלע זאכען זענען בעשאפען געווארען אויפ'ן טיש איז דער עולם אנגעפאלען דערויף מיט אזא איין אפּעטיט, גלייך וויא נאך א תענית. עס האט אזש מיך אנגענומען א יצר הרע, און אז מע האט מיך געבעטען איך זאהל געהן צום טיש, האב איך מיך נישט געקאנט אבזאגען, און איך געדענק נישט די צייט ווען איך זאל אזוי הנאה האבען פונ'ם עסען, וויא איך האב הנאה געהאט פון דער דאזיגער סעודה.

נאך דער סעודה האט בעזבאראדקי א ווינק געטהון צו דער קאמאנדע מע זאל זיך נעמען צו דיא כלים, און מע האט מיך מכבד געווען ווידער אמאל מיט א זאך „זיין אייגענע קאמפּאזיציע”. די דאזיגע „קאמפּאזיציע” האבען זיי געשפּיעלט מיט אזא רעש, אז עס האט מיר פערטורקעט די אויערען און פערטומעלט דעם קאפּ — און איך בין אוועק פון דארט א שכור'ער, פון נפתלצי בעזבאראדקי'ס „קאמ־פּאזיציע”. א גאנץ טאג אין חדר האט זיך מיר געדרעהט דער רבי

מיט די תלמידים מיט די ספרים, און אין די אויערען האט מיר ניט אויפגיהערט צו קלינגען די „קאמפאזיציע״. ביינאכט איז מיר געקומען צו חלום פאגאניני רייטענדיג אויפ׳ן אשמדי און האט מיר דערלאנגט מיט׳ן פידעל איבער׳ן קאפ, — איך האב זיך איפגעכאפט מיט א געשריי און מיט א קאפּוועהטיג און האב אנגעהויבען שיטען מיט ווערטער ווי פון א זאק. וואס איך האב גערעדט ווייס איך ניט. נאר מיין עלטערע שוועסטער פעסיל האט מיר נאכדעם דערצעהלט, אז איך האב גערעדט פון היטץ, עס האט זיך נ ט געקלעפט א ווארט צו א ווארט, עפּעס ווילדע נעמען „קאמפּאזיציע״ „פאגיניני״... און נאך א זאך האט מיר די שוועסטער דערצעהלט, אז אין דער צייט וואס איך בין געליגען שלאף איז מען אפאר מאל געוועזן ביי אונז פון נפתלצי דעם כלי־זמר, עפּיס א בארוויס יונגעל, געוואהר ווערען וואס איך מאך, האט מען איהם דורכגעטריבען און פערזאגט ער זאל זיך מעהר נישט דערוועגען קומען אהער...

— וואס האט געטהון ביי דיר דעם כלי־זמר׳ס יונגיל? — פרעגט מיך מיין שוועסטער און מוטשעט מיך, איך זאהל איהר זאגען; נאר איך האלט זיך איינם: איך ווייס נישט, כ׳לעבען איך ווייס נישט; פון וואנען זאהל איך וויסען?

— וואס פאר אפּנים האט דאס? — זאגט צוא מיר דיא מאמע — ביזט שוין קיין עין הרע א בחור׳ל צו לייטען גלייך, מע רעט דיר שוין שדוכים, און דו האסט צוא טהון מיט שעהנע חברים, בארוויסע כלי־זמר׳ליך! וואס פאר א מחותן ביזט דו מיט כלי־זמר? וואס האט דא געטהון בייא דיר נפתלצי דעם כלי־זמר׳ס יונגיל?

— וואסער נפתלצי! — זאג איך און מאך זיך תמ׳עוואטע — וואסער כלי־זמר?

— קוק אים אן דעם תנא! — מישט זיך אריין דער טאטע — ער וויסט נישט פון וואס צוא זאגען! נעבאך גאט דיא נשמה שולדיג! איך אין דיינע יאהרען בין שוין לאנג געוועזן א חתן, און ער שפילט זיך נאך מיט חברים! טהו זיך אן און געה אין חדר אריין! טאמער וועט דיך בעגעגען הערשיל בעל־טאקסע און וועט דיך א פרעג טהון, וואס איז דיר געוועזן, זאלסט דוא זאגען — קדחת. דוא הערסט

וואס איך רייד צו דיר ? קדחת !

איך הויב נישט אן צו פערשטעהן : וואס פאר א מחותן איז דא הערשיל בעל־טאקסע ? און צו וואס בעדארף איך איהם זאגען קדחת?... אין עטליכע וואכען ארום איז מיר פערענטפערט געווארען דיא קשיא.

ו.

הערשיל בעל טאקסע (אזוי האט מען איהם גערופען דערפאר וואס ער און דער זיידע זיינער האבען פון תמיד אן געהאלטען דיא טאקסע, ס'איז שוין געווען בייא זיי א חזקה) איז געווען א יונגערמאן מיט א קיילעכיג בייכיל מיט א רויט בערדיל מיט נאסע אייגעליך און מיט א ברייטען ווייסען שטערען — א סימן פון א קאפמענש. ער האט טאקי געשמ'ט אין שטעטיל פאר א וואוילען יונגען מאן א משכיל, א מושלם, א שענעם בעל תנ"ך און א שענעם שרייבער, דאס הייסט ער האט געהאט א שעהן הענטיל, מע האט זיך א מאל מיט זיינע כתבים, זאגט מען, ארומגעטראגען און ארומגעפיהרט איבער דער וועלט, און דערצו האט ער געהאט געלד און איין טעכטעריל, א בת־יחידה, אמיידיל מיט רויטע הערליך און מיט נאסע אייגעליך, צוויא טראפען וואסער הערשיל בעל טאקסע. געהייסען האט זי אסתר און גערופען האט מען זיא פערצויגען — „פלעסטעריל". געווען איז זיא ציטעריג און איידעל. מורא געהאט פאר אונז, חדר יונגליך, ווי פאר'ן מלאך־המות, ווארום מיר האבען איהר דעקוטשעט, פלעגען זיך רייצען מיט איהר און זינגען לידליך:

אסתריל!

פלעסטעריל!

פאר וואס האסט דו ניט קיין — שוועסטעריל ?

דאכט זיך וואס ליגט אזעלכעס אין די דאזיגע ווערטער ? א יא גאר נישט ?

פון דעסטוועגען פלעג פלעסטעריל, אז זיא האט דערהערט דיא דאזיגע ווערטער פערשטעלען זיך די אויערין און אנטלויפען מיט א געוויין, בעהאלטען זיך בחדרי חדרים, מורא האבען ארויסגעהן

עטליכע טעג אויף דער גאס.

נאר דאס איז געווען אמאל. בשעת זיא איז נאך געווען א קינד, אצינד איז זי שוין געווארען א מיידעל צו לייטען, פערפלאכטען זיך א רויט צעפיל און געגאנגען אנגעטהון ווי א כלה, נאך דער לעצטער מאדע. מיין מאמע האט פון איהר שטארק געהאלטען, פלעג זיך נישט קענען אבלויבען פון איהר: „א שטילע טויב״. אסתר׳ל פלעג אמאל, שבת, ארייננקומען צו מיין שוועסטער פעסיל, און אז זי האט מיך דערזעהען פלעג זיא ווערען נאך רויטער וויא זיא איז געווען און אראבלאזען די אויגען. און מיין שוועסטער פעסיל פלעג מיך בשעת מעשה דוקה צורופען, עפעס פרעגען, און קוקען אונז ביידען אין דיא אויגען אריין.

ויהי היום טרעפט זיך א מעשה, עס קומט אריין צו אונז אין חדר אריין דער טאטע מיינער מיט הערשיל בעל-טאקסע, און נאך זיי שלעפט זיך נאך רב שלום-שכנא דער שדכן, א יוד מיט זעכס פינגער מיט א געגרייזעלטע שווארצע בארד און א גרויסער אביון. דערזעהן אזעלכע געסט חאפט אויף זיך דער רבי רב זרח די קאפאטע מיט׳ן היטיל, און מחמת גרוים אימפעט פערקאטשעט זיך איהם איין פאה ארונטער אויף יענער זייט אויער, דאס היטעל פערקנייטשט זיך און עס שטעקט ארוים אונטען די יארמילקע העכער האלב און עס הויבט איהם אן פלאמען א באק. מע האט געקענט ארויסזעהען אז דא איז עפעס נישט גלאט, ובפרט אז רב שלום שכנא דער שדכן שוין פון א צייט אז ער האט אנגעהויבען ארייננקומען צו אונז אין חדר אריין עפים צו אפטליך, פלעג אלע מאל ארויסרופען דעם רבין אין הויז ארוים און דארט אוועקשטעהן מיט איהם עטליכע מינוט, סוד׳ען זיך און שושקען זיך, מאכען בשעת מעשה מיט די הענט און מיט די פלייצעס און אויסלאזען מיט א זיפץ.

— טא, ממה נפשך, אויף די אייגענע מעשה, איז דאס בעשערט, וועט דאס מסתמא זיין, וואס קען מען ווסען וואס?

ביים ארייננקומען פון די געסט האט דער רבי רב זרח נישט געוואוסט וואס ער זאהל טהון, וואו ער זאהל זיי בעזעצען, האט ער געחאפט דאס קיכבענקיל, וואס די רביצין זאלצט דערויף פלייש, און

האט זיך פריהער אביסיל ארומגעדרעהט מיט דעם עטליכע מאל הין און צוריק איבער'ן גאנצען חדר, און נאכדעם האט ער דאס קוים אוועקגעשטעלט און האט זיך אליין טאקי אנידערגעזעצט אויף דעם; ער איז אבער באלד אויפגעשפרונגען ווי איין אבגעבריטער שטארק צעמישט און האט זיך געחאפט בייא דער אונטערשטער קעשעני פון דער קאפאטע, גליך וויא ער וואלט עפיס פערלארען א מטמון מיט געלט.

— אט איז אבענקיל, זעצט זיך! — מאכט ער צו די געסט.

— נישקשה, זיצט, זיצט — זאגט צוא איהם דער טאטע — מיר זענען אריינגעגאנגען צו אייך, רב זרח, נור אויף איין מינוט, זיי וועלען פערהערען מיין יונגיל תנ"ך.

און דער טאטע ווייזט אן אויף הערשיל בעל־טאקסע.

— אך, מהכתיתי, פאר וואס ניט? — מאכט דער רבי רב זרח און חאפט א תנ"כ'ל און טראגט דאס אונטער הערשיל דעם בעל־טאקסע, מיט אזא פנים, וויא איינער רעדט: „נא דיר און טהוא וואס דוא ווילסט!"

הערשיל בעל־טאקסע נעמט דאס תנ"כ'ל אין האנט אריין, וויא אמענש וואס איז געניט אין דער סחורה, בייגט איין דאס קעפיל אויף א זייט, מאכט צוא איין אייגיל, מישט און מישט טראגט מיר אונטער דעם ערשטען פסוק פון „שיר השירים".

— שיר השירים גאר? — רופט זיך אן דער רבי מיט א שמייכעלי, ווי איינער רעט: קיין הארבערעס נישט געקאנט געפינען?

— שית השיחים — ענטפערט אים הערשיל בעל־טאקסע (ער קאן ניט אויסרעדען קיין „רייש") — שית השיחים איז ניט אזא גחינגע זאך וויא איח מיינט; שית השיחים דאחף מען פעחשטעהן.

— אודאי רופט זיך אן רב שלום שכנא מיט א געלעכטעריל.

דער רבי טהוט צו מיר א ווינק, איך געה צו צום טיש, צעשאקעל זיך און הויב אן אויף א קול מיט זעהער א שענעם נגון:

— שיר השירים — א געזאנג איבער אלע געזאנגען. אלע געזאנגען האט געזונגען א נביא און דאס האט געזונגען א נביא בן נביא! אלע געזאנגען האט געזונגען א חכם, און דאס האט געזונגען א חכם בן

חכם ! אלע געזאנגען האט געזונגען א מלך און דאס האט געזונגען א מלך בן מלך !

בשעת זינגען האב איך דערווייל געקוקט אויף מיינע פערהערערס און האב בעמערקט אויף איטליכענס פנים איין אנדער מינע. ביים טאטען אויפ'ן פנים איז געווען אנגעצייכענט גדלות און פערגעניגען. אויפ'ן רבינס פנים איז געשטאנען מורא און פחד, טאמער חלילה האב איך א טעות און מאך א פעהלער, זיינע ליפען האבען שטילער־הייט נאכגערעדט מיט מיר איטליכעס ווארט. הערשיל בעל־טאקסע איז געזעסען דעם קאפ אביסיל אויף אזייט, דאס געלע בערדיל אין מויל, איין אייגיל צוגעמאכט דאס אנדערע האט געקוקט ארויף אויף דער סטעלי, און צוגעהערט ווי א גרויסער מבין, רב שלום שכנע דער שדכן האט דיא גאנצע צייט נישט אראבגעלאזט פון איהם קיין אויג. ער איז געזעסען מיט א האלבען גוף אריבערגעבויגען אויף צופריהער, האט מיר מיטגעהאלפען שאקלען זיך און האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט מיך אריבערגעשלאגען אין מיטען מיט איין אויסגעשריי, מיט א געלעכטער און מיט א הוסט אינאיינעם און א מאך מיט דעם צווייענדיגען פינגער:

— אז מע שמועסט אז ער יכול'ט — יכול'ט ער!

— אין עטליכע טעג ארום האט מען געבראכען טעלער און איך בין געווארען צו מזל א חתן פאר הערשיל בעל־טאקסע'ס בת יחיד'קעלי — פלעסטעריל.

ז.

א מאל מאכט זיך א מענש וואכסט אוים אין איין טאג מעהר ווי איין אנדערער אין צעהען יאהר. אז איך בין געווארען א חתן האב איך מיט אמאל דערפיהלט, אז איך בין א „גרויסער". דאכט זיך דער אייגענער וואס פריהער, נאר פארט נישט דער. פונ'ם קלענסטען חבר ביז'ן רבין רב זרח האט מען אנגעהויבען קוקען אויף מיר שוין מיט מעהר דרך־ארץ — פארט א חתן מיט א זייגער. אויך דער טאטע האט שוין אויפגעהערט צו שרייען אויף מיר; פון פעטש שמועסט מען נים: ווי אזוי נעמט מען דאס א חתן מיט א גילדענעם זייגער און מע

פאטשטש איהם אוים? א חרפה פאר לייטען און בזיון פאר זיך אליין! אמת, מע האט אמאל אבגעשמיסען ביי אונז אין חדר א חתן אלי, דערפאר וואס מע האט איהם געחאפט גליטשען זיך מיט אלע שקצים׳ליך אויפ׳ן אייז. האט טאקי נאכדעם געהאט צוטהון דערמיט די גאנצע שטאט. די כלה זיינע אז זי איז געוואהר געווארען פון אזא סקאנדאל, האט זי אזוי לאנג געוויינט ביז מע האט אבגעשיקט דעם חתן די תנאים, און דער חתן, אלי הייסט דאס, האט זיך פארהארצ־וויטיג און פאר בזיון געוואלט אריינוואַרפען זיך אין טייך אריין, איז געווען פערפרוירען דאס וואסער...

כמעט אזא איין אומגליק האט זיך געטראפפען מיט מיר, נאר נישט איבער שמיץ, און נישט איבער׳ן גליטשען זיך אויפ׳ן אייז נאר איבער א פידעל.

אט איז געווען דיא מעשה:

ביי אונז אין וויינשענק האבען מיר געהאט איין אפטען גאסט, טשעטשעק דעם קאפעלמייסטער, וואס מיר פלעגען איהם רופען: „פאן פולקאוניק״. דאס איז געווען א געזונטער יונג א הויכער, מיט א גרויסער בארד און מורא׳דיגע ברעמען. גערעדט האט ער אויף א מאדנע געמישט לשון, וואס איז בעשטאנען פון עטליכע שפראך. בשעת רעדען האט ער געמאכט מיט די ברעמען ארויף און אראב; אז ער האט אראבגעלאזט די ברעמען איז דאס פנים געווען שווארץ ווי די נאכט, און אז ער האט זיי אויפגעהויבען — איז דאס געווען קלאהר ווי דער טאג; ווארום עס האבען זיך געפונען אונטער די דאזיגע געדיכטע ברעמען א פאר העלבלויע, גוטע, שמייכלענדיגע אויגען געטראגען האט ער א מונדיר מיט גאלדענע קנעפ, און דער־פאר טאקי האט ער ביי אונז געהייסען „פאן פולקאוניק״. ביי אונז אין וויינשענק איז ער געווען זייער איין אפטער גאסט, נישט דערפאר ווייל ער איז געווען אשכור חלילה! נאר מהאי טעמא ווייל דער טאטע מיינער איז געווען אבריה אויף מאכען פון ראזינקעס דעם „בעסטען טהייערסטען אונגארישען וויין״, וואס טשעטשעק פלעג אנקוועלען, זיך גאר נית קענען אבלויבען פון אים, ער פלעגט ארויפלייגען אויף איהם זיין גרויסע מורא׳דיגע האנד און זאגען צום טאטען אויף זיין

געמישטער שפראך:

— העך קעלערמייסטער! או מעבי נאילעפשי אונגערוויין! נימא טאקי ווינע אין בודאפעשט! פרעדבאהעם! *)

צוא מיר איז טשעטשעק תמיד געוועזן צוגעלאזט, מיך געלויבט וואס איך לערען אין חדר, פלעג מיך אפט פערהערען, פרעגען, ווער איז געוועזן אדאם? און ווער איז געוועזן איזאק? און ווער איז געוועזן דזשאזעף?

— יוסף? — פרעג איך איהם — יוסף הצדיק?

— דזשאזעף — זאגט ער.

— יוסף — פערדרעכט איך איהם נאך אמאל.

— או נאם דזשאזעף, או וואס יאדזשעף. — מאכט ער צו מיר און טהוט מיר אקניפ אין בעקיל — דזשאזעף יאדזשעף — דזשאדזעף — וושיסטקא יעדנע, גאנץ עגאל.

— קחי — חי — חי!...

איך בעהאלט דאס פנים אין קולאק און לאך מיך גוט אויס.

נאר פון זינט איך בין א חתן געווארען האט טשעטשעק אויך אויפגעהערט זיך בעגעהן מיט מיר וויא מיט א קונדעס און האט אנגעהויבען רעדען מיט מיר שוין וויא מיט א גלייכען, דערציילען מעשיות פון פאלק און פון מוזיקאנטען (דער „פאן פולקאווניק״ האט געהאט נייען מאס רעד, קיינער האט אבער קיין צייט ניט געהאט איהם אויסהערען אחוץ מיר). איין מאל האט ער זיך מיט מיר צערעט וועגען שפיעלען. האב איך איהם א פרעג געטאן;

—דער פאן פולקאווניק שפיעלט אויף וואסער אינסטרומענט?

— נא וושיסטקיך אינסטרומענטו — *) מאכט ער צוא מיר און הויבט אויף אויף מיר דיא ברעמען.

— אויפ'ן פידעל אויך? — פרעג איך איהם. און ער בעקומט מיט אמאל אין מיינע אויגען א פנים פון א מלאך.

— קום צוגעהן אמאל צוא מיר — מאכט ער — וועל איך דיר שפיעלען.

*) בייי דיר איז דער בעסטער אונגארישער וויין! ניטא אזא וויין אין בודאפעסט ביי גאט! *) אויף אלע כלים.

— ווען קאן איך — זאג איך — צוא דיר קומען, פאן פולקאווניק, אז ניט שבת ? נאר בתנאי קיינער זאהל ניט וויסעו ; זאגסטו מיר צוא ?

— פרעד באהעם ! מאכט ער צוא מיר און הויבט אויף מיר דיא ברעמען .

ח.

טשעטשעק האט גוואוינט ווייט ווייט אונטער'ן שטאט, אין א קליין ווייס שטיביל, מיט קליינע פענסטערליך, מיט געפארבטע לאדען, מיט א גרינעם גארטען, וואס האבען ארויסגעקוקט פון דארטען מיט גרויס גדלות א סך הויכע געלע סאנישניקעס, ווי עפעס רעכטס, און האבען אנגעבויגען עטוואס די קעפליך אויף א זייט, אביסיל געשאקעלט זיך און האבען ווי גערופען מיך צו זיך : „אהער, צו אונז, בחורל ! דא איז גראס, דא איז פריי, דא איז ליכטיג, דא איז פריש, דא איזווארעם, דא איז גוט !....״ און נאך יענעם עפוש מיט דער היטץ מיטן שטויב וואס אין שטאדט, און נאך יענעם איינגשאפט מיט'ן געשריי מיט'ן טומעל וואס אין חדר, גלוסט זיך טאקי אהער, ווארום דא איז גראס, דא איז פריי, דא איז ליכטיג, דא איז פריש, דא איז ווארעם, דא איז גוט ! עס גלוסט זיך לויפען, שפרינגען, שרייען, זינגען ; אדער גאר א ווארף טהון זיך אויף דער הוילער ערד מיט'ן פנים אינם גרינעם שמעקענדיגען גראז אריין. נאר, אוי וועה, נישט פאר אייך יודישע קינדער ! געלע סאנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, א לויטערער הימעל — האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז נישט אויף אייער מיסט געוואכסען געווארען !....

בעגעגענט האט מיך א שווארצער קודלאטער הונט מיט רויטע פייערדיגע אויגען. ער איז אויף מיר אנגעפאלען מיט אזא רשעות, אז ס'איז מיר שיער די נשמה ארויסגעפאלען. א גליק וואס ער איז געווען צוגעבונדען אויף א שטריק. דערהערט מיין געשריי איז טשעטשעק ארויסגעלאפען אהן א מונדיר און האט אנגעהויבען שטראפען דעם הונט ער זאל אנשטומט ווערען — און ער איז אנשטומט געווארען. נאכדעם האט ער מיך אנגענומען פאר א האנט, צוגעפיהרט מיך

גלייך צום שווארצען כלב, געזאגט איך זאל גאר קיין מורא ניט האבען; ער וועט מיך ניט זאטשעפען; אסימן, זאגט ער, איך זאל איהם א גלעט טהון איבער די האר, און נישט לאנג געטראכט נעמט ער מיין האנט און פיהרט מיט איהר איבער'ן הונטס פעל, רופט איהם אן בשעת מעשה מיט עטליכע מאדנע נעמען און זאגט איהם גוטע ווערטער. דער שווארצער חברה מאן לאזט אראב דעם ווידעל, בייגט איין דעם קאפ, בעלעקט זיך מיט'ן צונג אוןווארפט אויף מיר א קוקיל מן הצד, ווי איינער רעדט: „דיין גליק וואס דער פריץ שטעהט דא וואלסט שוין אוועגגאנגען פון דאנען אהן א האנט"... איבערגעלעבט די פחדים פונ'ם הונט און אריינגעגאנגען מיט'ן „פאן פולקאווניק" אין שטוב אריין, בין איך נבהל ונשתומם געווארען; אלע ווענט זענען פערהאנגען פון אויבען ביז אראב מיט ביקסען, און אויף דער ערד ליגט א פעל מיט א קאפ פון א לייב אדער א לעמפערט מיט מוראדיגע שארפע צייהן. מילא דער לייב איז נאך א האלבע צרה — פארט א געפגר'טער; אבער די ביקסען, די ביקסען?... ס'איז מיר נישט איינגעגאנגען די פרישע פלאמען מיט די שעהנע עפעל, וואס דער בעל־הבית האט מיך מכבד געווען פון זיין אייגענעם גארטען; מיינע אויגען האבען נישט אויפגעהערט צו שפרינגען פון איין וואנט אויף דער אנדערע... נאר שפעטער, אז טשעטשעק האט ארויסגענומען פון א רויט שאכטעל א פידעלי, א קליינס, א קיילעכיגס, מיט א מאדנע בייכעלי, האט ארויפגעלייגט אויף דעם די גרויסע צעשפרייטע בארד און די געזונטע האנט און האט געגעבען דעם ערשטען פיהר עטליכע מאל הין און צוריק מיט'ן סמיטשיק און עס האבען זיך געגעבען א גאס די ערשטע עטליכע מעלאדיען, האב איך אין איין אויגענבליק פערגעסען דעם שווארצען כלב, מיט'ן שרעקליכען לייב, מיט די אנגעלאדענע ביקסען, — איך האב נור געזעהען פאר זיך טשעטשעקס גרויסע צערלאזטע בארד מיט זיינע געדיכטע אראבגעלאזטע ברעמען, איך האב נור געזעהען א קיילעכיג פידעלי מיט א מאדנע בייכעל, און פינגער וואס טאנצען איבער די סטרונעס מיט אזא מהירות, וואס א מענשענם שכל איז גאר ניט אומשטאנד משיג צו זיין, וואו נעמט מען דאס אזוי פיעל פינגער?

נאכדעם איז פערשוואונדען געווארען טשעטשעק מיט זיין צעש־פרייטער בארד, מיט זיינע געדיכטע ברעמען מיט זיינע וואונדערליכע פינגער און איך האב שוין נים געזעהען פאר זיך גארנישט. איך האב נור געהערט א זינגען, א קרעכצען, א וויינען, א חליפען, א רעדען, א ברומען, — משונה מאדנע קולות אזעלכע, וואס איך האב אויף מיין לעבען נישט געהערט קיין מאל! זיסע קולות וויא האניג, גלאטע וויא בוימעל האבען זיך געגאסען — געגאסען גלייך אין הארצען אריין אהן איין אויפהער און מיין נשמה איז אוועק וויים־וויים פון דאנען אין איין אנדער וועלט אריין, אין א גן־עדן פון סאמע קולות, פון גאלע געזאנגען....

— הארבאטע חצעש?*) — רופט זיך אן צו מיר טשעטשעק, ליינט אוועק דאס פידעלי און טהוט מיר א פאטש אין פלייצע.

איך האב דערפיהלט, אז איך בין אראפגעפאלען פונ׳ם זיבעטען הימעל אראב אויף דער ערד.

פון דעמאלט אן האב איך אנגעהויבען צו געהן אהער אלע שבת ביי׳טאג הערען טשעטשעקין שפּיעלען אויפ׳ן פידעל. איך פלעג שוין געהן גלייך, נישט מורא געהאט פאר קיינעם און אפילו מיט׳ן שווארצען כלב זענען מיר געווארען אזוי בעקאנט, אז ער האט מיר דערזעהן פלעג ער דרעהען מיט׳ן וויידיל און זיך וועלען ווארפען אויף מיר, א לעק טהון די האנט, פלעג איך איהם נישט לאזען: „לאמיר בעסער זיין גוטע פריינד פון דער וויימען!”....

אין דער היים האט נישט געוואוסט קיין פויגעל, וואו איך פערברייננ דעם שבת — פארט א חתן — און מע וואלט נישט געוואוסט דערפון עד היום, עס זאל זיך נישט געוועזן טרעפען מיט מיר א נייער אומגליק, א גרויסער אומגליק, וואס ווערט דא בעשריבען אינ׳ם קאפיטעל ט׳.

ט.

דאכט זיך וועמען בעדארף עס אנגעהען אז א יודיש בחור׳ל געהט זיך שבת ביי׳טאג שפּאצירען אבי׳טיל וויימער אונטער דער

---

*) טיי ווילסט דו?

שטאדט? צי ס'איז טאקי מעהר נישטא וואס צו טהון, נאר נאכקוקען, אינזינען האבען יענעם? וואס העלפען אבער די אלע טענות, אז עס ליגט שוין אזוי ביי אונז אין דער נאטור ביי יודען הייסט דאס, גוט צוקוקען זיך צו יענעם, אכטונג געבען, געפינען חסרונות און געבען עצות. למשל, צוגעהען צו אווילד פרעמדען בשעת ער דאווענט און צערעכט מאכען איהם דעם „של־ראש" פון די תפילין; אדער אבשטע־לען איהם בשעת ער לויפט אין איז פערטראגען אז עס האט זיך ביי איהם דאכט זיך פערקאטשעט א הייז; אדער אנווייזען יענעם מיט'ן פינגער, ער זאל ניט וויסען וואס איהר מיינט צי די בארד, צי וועלכע גוטע יאהר? אדער צונעמען ביי יענעם פון די הענט בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפּיס עפענען און זאגען איהם: איהר קענט נישט, לאזט מיך; אדער אבשטלען זיך בשעת יענער בויעט א שטוב און אויסזעצען איהם א חסרון, אז די סטעלי איז דאכט זיך צו הויך, די חדרים צו גראם און די פענסטער אומגעלומפערט ברייט, חאטש נעם צעווארף די שטוב און שטעל זיך בויען גאר איבער א נייס!.... אט אזוי, הערט איהר איז שוין ביי אונז איינגעפיהרט פון קדמונים, פון ששת ימי בראשית, מיר וועלען מיט אייך די וועלט נישט איבער־מאכען, מיר זענען דאס גאר נישט מחויב...

נאך אזא מין הקדמה וועט אייך שוין זיין רעכט, אז אפרים קלאץ, א יוד א ווילד פרעמדער, וואס האט זיך אנגעקעהרט מיט אונז א קנעפּיל, האט נאכגעקוקט נאך מיר, נאכגעשפּירט און אנגעשמעקט וואהין איך געה, און האט מיר צוגעשטעלט א ביינקעלי, געשוואהרען אז ער האט אליין געזעהען מיך עסען טרפות ביים „פולקאווניק" און רויכערען א פאפּיראס אום שבת, ער זאל אזוי זעהען זאגט ער, ביי זיך אלדעם גוטס, א ניט זאל ער ניט דער לעבען, זאגט ער, קומען אהין וואהין ער געהט, און אוב ער זאגט א דבר שקר אויף אט אזוי־פּיעל, זאל זיך איהם שטעלען, זאגט ער, דאס מויל אויף א זייט און עס זאלען איהם ארוים ביידע אויגען;

— אמן הלואי; — האב איך געזאגט און האב געחאפּט פונ'ם טאטען א פרישען פּאטש, איך זאל ניט זיין קיין עזות פנים... נאר איך פערהאפּ, אזוי דאכט זיך מיר, די לאקשען פאר די פיש, איך האב גאר

פערגעסען איך דערצעהלען, ווער איז געווען אפרים קלאץ, און ווי אזוי איז געווען די מעשה.

אין עק שטאדט, אויף יענער זייט בריק, איז געזעסען א יוד אפרים קלאץ. פאר וואס האט מען איהם גערופען קלאץ? ער האט אמאל געהאנדעלט מיט געהילץ, היינט האנדעלט ער שוין ניט, איבער א מעשה, א בלבול, מע האט אויס געטרייסעלט ביי איהם א פרעמדען קלאץ מיט א פרעמדער קליימע, האט ער געהאט אויף זיך א פעקיל, א לאדעניש, א שלעפעניש, קוים קוים אויסגעדרעהט פון טורמע. פון דעמאלט אן האט ער אוועקגעווארפען אלע מסחרים און האט זיך גענומען צו שטאדט־זאכען, ארייגקוקען אין קהלש'ע ענינים, צעק, טאקסע, בית־המדרש... תחילת איז געווען נישט אזוי גוט, ער האט געהאט בזיונות; נאר וואס ווייטער ווייטער האט ער זיך ארייגגער־דרעהט, איינגעגעסען אין די ביינער אריין, געגעבען אנצוהערעניש, אז ער ווייסט „וואו א טיר עפענט זיך"... און אפרים איז געווארען מיט דער צייט א פארשוין א ניצליכער, א נייטיגער, וואס מע קאן זיך אהן איהם ניט בעגעהן אט אזוי חאפט זיך אריין א ווארעם אין עפיל אריין, בעט זיך אוים גאנץ ברייטליך, מאכט זיך א ווייכען געלעגער און ווערט דארט א היימישער, אגאנצער בעל־הבית.

געווען איז אפרים א נידעריטשקער, געהאט קורצע פיסעליך, קליינע הענטעליך, רויטע בעקעליך, און א געגגיל א גיכם, מיט א טענציל און מיט א דרעה מיט'ן קעפעלי, גערעדט האט ער גיך מיט א קוויטשיל, און געלאכט האט ער מיט א דריבנע געלעכטעריל, ווי מע שיט ארבעסליך. אנקוקען האב איך איהם נישט געקאנט — איך ווייס ניט פאר וואס, אלע שבת בייטאג ווען איך בין געגאנגען צו טשעט־שעקין אדער פון טשטשעקין, פלעג איך איהם בעגעגנען אויפ'ן בריק געהן שפאצירען אין א לאנגען געלאטעטין שבת'דיגען לעטניק אהן די ארבעל. ער איז געגאנגען די הענט פערלייגט ארונטער אונטערגע־זונגען אויף זעהר א דין קולכיל און דער לאנגער לעטניק האט איהם אונטערגעפאטשט פון אונטען אין די פיאטע.

— גוט שבת; —זאג איך איהם.

— גוט שבת — מאכט ער — וואהין געהט דאס א יונגיל?

— גלאַט אַזוי — זאָג איך — אויפ'ן שפּאַציר.

— אויפ'ן שפּאַציר? איינער אליין? — מאַכט ער, און קוקט מיר אין די אויגען אַריין מיט אַזאַ מין שמייכעלי, וואָס ס'איז שווער צו טרעפען, וואָס מיינט ער דערמיט: צי ס'איז אַ גרויס בריה'שאַפט וואָס איך שטעל זיך איין געהן איינער אליין, צי ס'איז אַ חכמה, צי אַ נאַריש'קייט?...

י.

איין מאָל, גענאַנגען צו טשעטשעקין, האָב איך בעמערקט, אַז אפרים קלאַץ קוקט מיר עפּיס זעהר שטאַרק נאָך; האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן בריק און געקוקט אין וואַסער אַריין, האָט זיך אפרים אויך אָבגעשטעלט און אויך געקוקט אין וואַסער אַריין. האָב איך זיך געלאָזט געהן צוריק, — ער געהט אויך. האָב איך מיך געלאָזט געהן ווידער אַהין — ער אויך. נאָכדעם איז ער פערפאַלען געוואָרען. שפּעטער, געזעסען מיט טשעטשעקין ביים טיש און געטרונקען טיי, האָבען מיר דערהערט דעם שוואַרצען כלב בילען אויף עמיצען זעהר שטאַרק און רייסען זיך פון דער שטריק. אַ קוק געטהון אין פענסטער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זעה עפּיס אַ נידעריגס, אַשוואַרצינגס, מיט קליינע פיסעליך, לויפט — לויפט און ווערט פערשוואונדען. נאָכ'ן געגנגיל וואָלט איך געמעגט שווערען, אַז אַז ס'איז אפרים קלאַץ.

כּף הוה, איך בין געקומען שבת צו נאָכט'ס אַהיים, שוין נאָך הבדלה, מיט אַ פערפלאַמט פּנים, און האָב געטראָפען זיצען אפרים'ן ביים טיש, ער האָט עפּעס זעהער שטאַרק גערעדט און געלאַכט מיט זיין מאָדנע געלעכטעריל. דערזעהען מיך, האָט ער אנגעשוויגען געוואָרען און געקלאַפּט מיט די קורצע פינגערליך איבער'ן טיש. אַקעגען איהם איז געזעסען דער טאַטע טוידט ווי די וואַנד און האָט זיך געדרעהט די באָרד, געריסען די האָר איינציגווייז — אַ סימן אַז ער איז אין כּעס.

— פון וואַנען געהסט דו דאָס? — פרעגט מיך דער טאַטע און קוקט אויף אפרים'ן.

— פון וואנען — זאג איך — זאל איך געהן?

— איך ווייס — זאגט ער — פון וואנען? זאג דו פון וואנען, דו ווייסט בעסער.

— פון בית המדרש — זאג איך.

— און וואו — זאגט ער — ביזט דו געווען א גאנצען טאג.

— וואו — זאג איך — זאל איך זיין?

— איך ווייס — זאגט ער — וואו? זאג דו וואו דו ווייסט בעסער.

— אין בית המדרש — זאג איך.

— וואס האסט דו געטהון — זאגט ער אין בית המדר״ש?

— וואס זאל איך טהון — זאג איך — אין בית המדר״ש?

— איך ווייס · זאגט ער — וואס דו זאלסט טהון?

— איך האב געלערנט — זאג איך.

— וואס האסט דו — זאגט ער — געלערענט?

— וואס זאל איך לערנען? — זאג איך.

— איך ווייס — זאגט ער — וואס דו זאלסט לערנען?

— גמרא — זאג איך — האב איך געלערענט.

— וואסער גמרא — זאגט ער — האסט דו געלערענט?

— וואסער גמרא — זאג איך — זאל איך לערנען?

— איך ווייס — זאגט ער — וואסער גמרא זאלסט דו לערנען?

— די גמרא „שבת" — זאג איך — האב איך געלערענט.

דא האט זיך אפרים קלאץ צולאכט מיט זיין דריבנע געלעכטעריל, און מעהר האט שוין א פנים דער טאטע נישט געקאנט איבערטראגען ער האט זיך אויפגעחאפט פונ'ם ארט און האט מיר אויפגעווארפען צוויי הילכעדיגע פלאם פייעריגע פעטש, עס זענען געפלויגען ביי מיר פינקען פון די אויגען. האט דערהערט די מאמע פונ'ם אנדערען חדר, איז זי אריינגעלאפען מיט א געשריי:

— נחום! גאט איז מיט דיר! וואס טהוסט דו? א בחור, א חתן, פאר דער חתונה? בערעבען זיך, טאמער חלילה ווערט געוואהר דער מחותן?! . . . .

. . . .

די מאמע איז געווען גערעכט. דער מחותן איז געוואהר געווארן

פון דער גאנצער מעשה — אפרים האט דאס איהם אליין איבערגע־
געבען, און האט דערלעבט אן איהם אנקמה, ווארום זיי זיינען תמיד
געווען צווישען זיך אויף מעסער שטעך.—

* * *

אויף מארגען האט מען מיר אבגעשיקט די תנאים מיט דיא כלה
מתנות און איך בין געווארען אויס חתן. דאס האט דעם טאטען אזוי
געקריינקט, אז ער איז פערשלאפט געווארען, געליגען צוא בעט
אהיבשע צייט, מיך נישט געלאזט פאר די אויגען, נישט געוואלט מיין
פנים אנקוקען, וויפיל די מאמע האט נישט גע'טענה'ט פאר מיר, מיך
געוואלט פערענטפערען.

—דער בזיון! — האט ער געזאגט — דער בזיון איז מיר ערגער
פון אליץ!

— א שעהנע ריינע כפרה! — האט איהם די מאמע אויסגערעדט
דאס הארץ — גאט ווייסט מוזען צושיקען איין אנדער שדוך, וואס זאל
מען טהון? זיך נעמען דאס לעבען? מסתמא איז דאס ניט זיין זווג ...

צווישען די, וואס זענען געקומען מבקר חולה זיין דעם טאטען,
איז געווען אויך טשעטשעק דער קאפעלמייסטער.

דער טאטע, אז ער האט איהם דערזעהען, האט ער אויסגעטהון
דיא יארמעלקע, זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעטיל, האט איהם אויס־
געצויגען די דארע טרוקענע האנד, א קוק געטהון איהם אין די אויגען
אריין, און א זאג געטהון:

— אוי, פאן פולקאווניק! פאן פולקאווניק! ...

מעהר האט ער נישט געקענט אויסרעדען קיין ווארט, ווארום עס
האבען איהם געשטיקט די טרעהרען...

דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבען האב איך דער־
זעהען דעם טאטען וויינען, עס האט מיך אנגענומען ביים הארצען
און עס האבען זיך א גאס געטהון טרעהרען פון מיינע אויגען. אין
דער מינוט האב איך באמת חרטה אויף דער חתונה וואס איך האב
אנגעארבייט, איך האב מיך געשלאגען על חטא מיט'ן גאנצען
הארצען און האב מיר געגעבען דאס ווארט איך זאל קיין מאל קיין

מאל נישט דער׳רגזנען דעם טאטען, קיין מאל נישט אנטהון איהם קיין יסורים — אוים פידעל!

ווילט איהר דאך ווסען צו איך האב געהאלטעןווארט? די מעשה דער פון איז אזוי: ראשית... נאר שא, מיר דאכט זיך אז איך האב אייך צו געזאגט שפיעלען אביסעל אויפ׳ן פידעל? איך וועל אייך שפיעלען אויפ׳ן פידעל, איך וועל אייך שפיעלען נאר נישט היינט, איין אנדערם מאל.

א „ווינגרישנע בילעט“.

(ערצעהלונגג.)

פון

שלום־עליכם.

א.

— בנימטשיק — דאס וואכסט ביי מיר א ווינגרישנע בילעט.

אזוי האט געזאגט ישראל דער שמש פון דער אלטער שול אויף זיין זוהנדיל בנימין, וואס האט געהאט א שם פאר א גוט יונגיל נאך בשעת ער האט געלערנט ביי ירחמיאל משה דעם מלמד אין חדר, ירחמיאל משה האט זיך גאר נישט געקענט אבלויבען פון איהם.

— אייער קליינער — האט ער איין מאל געזאגט צו ישראל דעם שמש — איז ביי מיר קיין עין הרע פון די בעסטע. ערשטענס, איז ער גרויסער מסמיד, א וואוילער וואס א וואוילער הייסט; הייגט דאס קעפיל זיינס, די תפיסה, מיין איך, דער זכרון, איז א זעלכעס וואס מע בעדארף עס זוכען; ווען ביי אים זאל זיין דער זכרון אזוי ווי דיא תפיסה, מיין איך פערקעהרט די תפיסה אזוי ווי דער זכרון — עהע־הע! דעם עהע — הע! ציהט אוים ירחמיאל משה דער מלמד מיט א נגון, און ישראל דער שמש ווערט ברייטער ווי לענגער.

— גאט זאל אייך געבען געזונד און פרנסה! — בענשט ער דעם מלמד און העלפט איהם צונויפלייגען דעם טלית־ותפילין. דאס איז גלאט אזוי, א מתנה הייסט דאס; שכר־למוד פאר זיין קינד צאהלט ישראל דער שמש גלייך מיט אלע בעלי־בתים, צוויא קארבען א זמן, א חוץ חנוכה־געלד און פורים־געלד, האטש ישראל דער שמש לעבט אליין כמעט נור פון חנכה־געלד און פורים־געלד. נאר וואס מאכט דאס אוים? דער מנהג העולם איז שוין אזוי פון קדמונים אז מיר מוזען לעבען אומעטום איינער פונ׳ם אנדערען: איך נעם ביי יענעם און גיב אייך: איהר נעמט ביי מיר און גיט יענעם, אמת, עס מאכט זיך גאנץ אפט אז נעמען ביי מיר נעמט איהר צוויי מאל אזוי פיעל

ווי מע בעדארף און געבען ניט איהר יענעם א מכה; דער פאר, אז כ׳וועל נור קענען, וועל איך ביי יענעם נעמען דריי מאל אזוי פיעל און וועל איך געבען א מכה, מיר וועלין זיך מיט׳ן חשבון, האט קיין יסורים ניט, אויסגלייכען, חכמים רופען דאס אן מיט פערשידענע נעמען: "געזעץ פון דער נאטור", לעבענס־מלחמה" "פאליטישע עקאנאמיע" וכדומה, נאר אזוי ווי מיט אונזער מעשה געהר זיך עס שוין נישט אן לכן געהען מיר ווייטער.

שפעטער, אז בנימטשיק איז דורכגעגאנגען דעם גאנצען קורס בייא ירחמיאל משה׳ן, האט איהם ישראל דער שמש זעהר געוואלט אבגעבען צו רב אלי־מאיר דעם גמרא מלמד, האט איהם אלי־מאיר נישט געקאנט צונעמען: ראשית איז שוין ביי איהם געווען דער חדר פול ווי איין אויג; והשנית האט ירשאל נישט געקאנט צאה־לען אזא שכר למוד ווי די נגידישע בעלי בתים, האט בנימטשיק געטהון דאס וואס אנדערע טהוען: אז מע האט נישט צו צאהלען לערענט מען אליין, דערויף איז פארהאן א גרוים בית המדרש מיט א סך סטענדערס, מיט א סך שטיקליך ליכט פון די יאהרצייטען, מיט א סך ספרים: חומשים, פסוקים, משניות׳ן, גמרא׳ס מיט מדרשים און וואס ניט? אבי מע וויל נור קען מען לערנען אויף א בוידעם אויך. קארג גרויסע מענשען, גאונים, זענען אויסגעוואכסען ביי אונז אט אזוי ערגיץ ביי א סטאטשיק אין בית־המדרש? אזעלכע גרויסע מענשען, גאונים רבנים מפורסמים וואלטען מיר, קען זיין, געהאט איצטער אהן א שעור; דער חסרון איז אבער, וואס אין די לעצטע פערציג־פופציג יאהר האט זיך פערגנבה׳ט אין אונזער ווינקעל אריין א שטראהל פון ליכטיקייט און האט אנגעשפארט דוקא אין בית־המדרש אריין, דוקא דארט׳ן צווישען די ארימע בחורים, און אנשטאט דעם מע זאל לערנען "יורה דעה" האט מען בגנבה גענאשט א שטיקעל "באור", שטילערהייט געשלונגען מליצה ספרים, זיך גע־ווארגען מיט א רוסישער גראמאטיקע און פערביסען מיט מאפו׳ס א ראמאן, פון אזא מין לערנען האבען קיין גאונים, רבנים מפורסמים נעווינטליך ניט געקענט ארוים, יודישע קינדער האבען זיך צוקראכען איבער דער וועלט, געווארען א תל: דאקטורים, אדוואקאטען,

משוררים, מחברים, שרייבערס, לעהרערס, און גלאט אפיקורסים. קיין רב נישט איינער א רעכטער, דאס הייסט רבנים זענען ארוים א סך; נאר וואסערע רבנים? קאזיאנע! „קאזיאנע" איז דער טייטש אנגע־האנגענע, א שטיינער וויא מען היינגט אן עמיצען א לונג־און־לעבער אויף דער נאז; צי איהר ווילט צי איהר ווילט ניט — נאט אייך א באמבע און האלט זיך מיט איהר.... נאר אזוי ווי מיט אונזער מעשה געהער זיך עס ניט אן, לכן געהען מיר ווייטער.

אונזער בנימטשיק האט געלערנט אין בית המדרש נישט אליין,— מיט נאך צווייא חברים, אויך אזעלכע בחורים'ליך וויא ער,— און דאס איז טאקי געווען דער חסרון, ווארום איין מענש אליין קען אזוי גראב נישט דינדיגען וויא מיט יענעם בשותפות. אסימן האט איהר פון אדם־הראשונ'ען. אדם־הראשון כל זמן ער האט זיך געשפאצירט אין גן־עדן איינער אליין איז געווען שטיל א מחיה, און אז עס האט זיך נאר אריינגעמישט די מוטער חוה, אזוי האט זי איהם באלד אנגערעט ער זאל פערזוכען פונ'ם עץ הדעת, און מי ידע אויף וואס זי וואלט איהם נאך ארויפגעפירט, מע זאל זיי ניט געווען בעצייטענס ארויסטרייבען... דער משל איז געזאגט געווארען אקעגען בנימינען. בנימין זאל געווען זיצען און לערנען אין בית המדרש איינער אליין וואלט געווען אז וואויל איז איהם... ער האט דאך אבער געלערענט מיט נאך חברים, אויך אזעלכע נאקעטע און בארוויסע, הונגעריגע און דארשטיגע וויא ער, האט מען תמיד זיך נד געריסען אהין, אויף דער גרויסער ליכטיגער וועלט, אויף דער וועלט פון חכמה און פון וויסענשאפט. אליין זענען זייא געווען דא, און זייער קאפ איז געליגען דארטען, צווישען דיא גרויסע, צווישען די געלערטע, צווישען דיא גליקליכע. עס האט זייא געצויגען אהין וויא א מאגנעט, וויא א קליין קינד ציהט אוים דיא הענטיל צוא דער מאמע... איז שוין עפים א חדוש א שטיינער אז איין מאל אין א שבת־צונאכט האבען דרייא בית המדרש בחורים, איציק, יאסיל און בנימטשיק, ניט געסטייעט? וואס הייסט ניט געסטייעט — נישטא און א סוף! מע האט זייא אויסגעזוכט אין שטאדט וואו דיא וועלט האט איין עק! מילא יענע צווייא חברה־לייט, איציק און יאסיל, זענען קבצנישע קינדער, יתומים, אן אטאטען אהן א מאמען, וועמען

זענען זייא אבגעגאנגען? אבער בנימטשיק! ישראל דער שמש האט איינגעליינגט דיא וועלט, איבערגעקלערט גאט וויים וואס, און האט זיך בערוהיגט ערשט אויף מארגען, אז ס'איז אנגעקומען א בריוועל פון אלע דריי וויסע חבר'ניקעס, אז מע זאל גאר נישט איבער־טראכטען, זייא זענען ברוך השם געזונד און שטארק, זייא האבען ארויסגיזען (אזוי שרייבען זייא), אז דא אין בית המדרש איז פאר זייא קיין תכלית ניט, לכן האבען זייא זיך אוועקגעלאזט אין דער ישיבה אריין, קיין ווילנא, קיין וואלאזשען אדער אין דער „מיר"... זיי האבען מיט א כיון אויסגערעכענט אלע דריי ישיבות, בכדי מע זאהל ניט וויסען אין וואסער א שטאדט זייא צוא זוכען. אט דאס הייסט אבגע־ארבעט קלוג, מיט שכל!...

ס'איז אבער געוועז אומזיסט דאס פערשטעלען זיך מיט'ן בע־האלטען זיך מיט'ן אנטלויפען. ס'איז קיינער מיט קיין פאטשט נישט נאכגעלאפען. דיא שטאדט איז געוועז אדרבה צופריעדען. ערשטינס וועט זיין ווינציגער מיט א צווייא דריי ארימע בחורים, וואס מע מוז זייא אויסהאלטען ווי ס'ניט איז; מע קען דאך זייא נישט לאזען אזויא זייא זאלען אויסגעהן פון הונגער. והשנית איז טאקי גלאט שעהן אז ארימע קינדער ווילען לערנען, הלואי וואלטען אלע יודישע קינדער אזוי, הלואי וואלטען אלטע יודען געקאנט, וואלטען זייא זיך אויך אוועקלאזען ערגיץ אין עק וועלט, אבי מע זאל ניט דארפען מוטשען זיך, טראגען דעם עול פון פרנסה...

ב.

וואס איז געוועז דער סוף פון יענע צוויי בחורים'ליך איציק און יוסיל — וויסען מיר נישט, נאר פון בנימ'טשיקען האט ישראל דער שמש אין אהאלב יאהר ארום מקבל געוועז א בריעף ניט פון וואלאזשין, ניט פון ווילנא און ניט פון „דער מיר", נאר פון איין אנדער גרויסער שטאדט, פון א גרויסער שטאדט, אז ער זאהל זיך גאר ניט זארגען, ווארום ער, בנימטשיק הייסט דאס, געפינט זיך אויפ'ן „רעכטען וועג", עס וועט פון איהם מיט גאטעס הילף זיין א לייט, גאט זאל איהם נור העלפען ער זאל אבגעבען דעם עקזאמען און אריין אין גימענאזיע

וועט ער אם ירצה השם געהען ווייטער און „שטודירען דאקטאר", און אז ער וועט „אויסשטודירען דאקטאר", וועט ער האבען אפּיינע בּכבוד'ע פּרנסה אין האנד, און וועט קענען אויסהאלטען טאטע־מאמע אויף דער עלטער; דער טאטע וועט פערשפּארען הארעווען, זיין א שמש און דיא מאמע א שמש'טע; און דיא שוועסטער וועט ער בּעזרת השם חתונה מאכען אלע דריי, און מע וועט זיצען אלע אין איינעם בּשלום ושלוה, און מע וועט האבּען פיעל נחת, און דאס וואס איז שייך צו יודישקייט — אזוי האט בּנימין געשריבּען — זאלט איהר זיך, מיינע ליעבּע און געטרייע גאר ניט זארגען, מע קען זיין געלערינט וויא די גאנצע וועלט און פון דעסטוועגען וואס צוא גאט איז צו גאט. איך דאווען, זאלט איהר וויסען אלע טאג, און לייג תּפילין, און וואש זיך צום עסין, אבּי ס'איז נור פאראן וואס, מחמת עסין — עסין מיר דא איין מאל אין צווייא טאג, וואס גאט גיט. אמאל א טרוקען שטיקיל בּרויט און אמאל איינגעטונקען אין זאלץ־וואסער, און אז עס מאכט זיך ס'איז נישטא גאר נישט, סמאצקיט מען א שטיקיל צוקער. צוקער איז א סגולה צום הונגער, פערשלאגט דעם אפּעטיט, דערפאר לערינט מען אבּער געשמאק! פערגעסט ניט: פיער גראמאטיקעס בּעדארף מען אויסלערנען! היינט וואו איז געאגראפיע? וואו איז היסטאריע? און וואו איז „שאר ירקות"? מאטעמאטיקע איז בּלאטע, אלגעבּרע, זאל איך צו קיין חרפּה ניט זיין, האבּען מיר נאך געלערענט אין דער היים אין בּית המדרש, און דיא מליצה ספרים וואס מיר האבּען זיך, דאמלסט אנגעלייענט קומען אונז היינט צונוטיץ בּיים שרייבּען „סאטשיניעניעס", איין שטיקיל חסרון וואס דאס לשון איז בּייא אונז א בּיסיל ניט אזוי שארף וויא מע בּעדארף; נאר צו גאט א האפנונג, מיר וועלען דאס אויך איבּערקומען בּשלום, איהר זאלט זיך גאר ניט זארגען, עס וועט אם ירצה השם אלסדינג זיין אזוי וויא מע בּעדארף, דער עיקר נאר, ניט געזארגט און געהאפּט צוא דעם וואס לעבּט אייבּיג!"

ישראל דער שמש אז ער האט בּעקומען דאס דאזיגע בּריוועל, איז ער בּאלד אוועק צוא ירחמיאל משה דעם מלמד, — איין אלטער נוטער בּרודער, איין עהרליכער יוד און א בּעל־סוד.

— זייט זשע מוחל לייענט דורך דאס דאזיגע בריוועל, און אז איר וועט דאס דורכלייענען, וועט איר זיך מטריח זיין טאקי אין איין וועגס אנשרייבען איין ענטפער, דאס הייסט איך וואלט געקענט אפילו אליין אנשרייבען, נאר אלץ הייסט געשריבען. אודאי וועט איהר בעסער אנשרייבען פון מיר, למאי זאל איך לייקענען ?

ירחמיאל משה דער מלמד ווייסט גאנץ גוט, אז ישראל דער שמש זאגט נעביך א גרויסען ליגען, אזוי לאנג שמייסט מען אים וויא לאנג ער קען אנשרייבען איין ענטפער; נאר ארויסבעוויזען איהם אז ער איז א ליגנער איז ער ניט מחויב, למאי זאהל ער מבייש שטעלען א מענשען? האט ער אנגזאמטעלט די נאז מיט א פאר משונה מאדנע ברילען, וואס זענען בעשטאנען פון א שטיקיל דראט מיט צווייא בענדליך; אין איין אייגיל איז געשטאנען א בלעכיל, און דאס אנדערע איז געווען ליידיג, גלאט א לעכיל, האט ישראל נישט געקענט זיך איין האלטען און האט אים אפרעג געטהון:

— וואס טויג איך, רבי, אזא בריל? איהר זעהט דען עפיס אויף איהר?

— אלץ גלייכער וויא אהן א בריל, כ'בין שוין איינגעוואהנט! — האט איהם ירחמיאל משה געענטפערט, גענומען דאס בריוועל אביסיל פון דערווייטען, איין אויג (יענס וואס אונטערען בלעכיל) צוגעמאכט און מיט'ן אנדערען אויג (יענס וואס אונטערען לעכיל) האט ער גע־לייענט גיך ווי א וואסער, און הויך אויף א קול, זיך אבגעשטעלט אלע מאל און געקוקט אויף ישראל'ן, ווי איינער רעדט: היינט פערשטעהט איהר וואס „הייסט געקענט לייענען?" און ישראל איז געשטאנען בשעת מעשה דעם קאפ אביסעל אויף א זייט פעררויסען ארויף מיט גדלות, ווי איינער רעדט: „היינט פערשטעהט איהר וואס הייסט גע־קענט שרייבען?...."

— נו רבי, וואס וועט איהר היינט זאגען? — האט זיך ישראל אנגערופען צו ירחמיאל־משה, נאכדעם אז ירחמיאל־משה האט אויס געטהון דיא ברילען און אוועק־געגעבען איהם דאס בריוועל.

— וואס זאל איך זאגען? — האט אים ירחמיאל משה געענטפערט מיט א זיפץ — אוודאי אוודאי! מהכותיתי, זעהר פיין, אבי ער דאוועגט

אלע טאג און לייגט תפילין. הלואי ווייטער ניט ערגער חלילה...

— איך שמועס עס אקעגען דעם, וואס ער וואקסט, מיין בנימ׳טשיק הייסט דאס, א מענש, אט דאס מיין איך! — אזויא מאכט צוא איהם ישראל דער שמש און מיינען מיינט ער נאר עפּים אנדערס, ביי איהם אויף דער צונג ליגען גאר דיא ווערטער: „גימנאזיע״, „דאקטער״... נאר ארויסלאזען דאס פונ׳ם מויל האט ער מורא, רופט ער זיך אן צו ירחמיאל משה׳ן:

— איך שמועס אקעגען דעם וואס איהר זאגט ער לערענט זיך אויף... דאקטער? הא? וואס זאגט איהר? איהר זענט דאך עפּים א יוד א חכם.

ירחמיאל משה ווייסט, אז ער איז א יוד א חכם, נאר וואס קען ער איהם דערויף זאגען? אודאי ווען ס׳זאל זיין געוועזט אן איהם, אן ירחמיאל משה׳ן וואלט ער איהם נישט געלאזט שטודירען אין דיא גימענאזיעס: צוא וואס טויג ישראל דעם שמש א זוהן פון גימנאזיעס מיט דאקטורים גאר? נאר אפנים עמיצער פרעגט בייא איהם איין עצה? און ירחמיאל משה דער מלמד קוקט מיט פערגלעזערטע אויגען אויף דער וואנט און לאזט א רוים א טיפען זיפץ. ישראל דער שמש פערשטעהט וואס בעדייט דער דאזיגער זיפץ, ער איז מיט זיך אליין אויך נאך נישט אינגאנצען פארטיג; ער איז אליין אויך נישט צוא פריעדען מיט דער גימנאזיע; נאר צוריק אבער שמועסענדיק: סטייטש, זיין זוהן, זיין בנימ׳טשיק וועט זיין „דאקטער״!

— עלעדיי — זאגט ער צום מלמד און פערגנבה׳ט זיך מיט ווערטער עלעדיי א בעל מלאכה? „דאקטאריע״ איז דען ניט קיין מלאכה? ובפרט ער דאוועט אלע טאג און לייגט תפילין, הלואי ווייטער חלילה ניט ערגער...

ישראל דער שמש שטעהט א ווילע, נאכדעם רופט ער זיך אן צום מלמד און קווינקעלט זיך:

— איך האב דאך אייך געזאגט, רבי, אז כ׳האב צו אייך א בקשה, מטריח זיין זיך אבענטפערען אויפען בריוועל: נאר וואס דען? איהר קענט דאך אונזער שטעדט׳ל... מע האט ליעב האלטען יענעם אין מויל און אליין בין איך א פארקויפטער מענש... די ווינטע פרנסה...

איך האב אייך געוואלט בעטען ס׳זאל דער ווילע זיין בסוד, איהר פערשטייט ? . . .

— איך פערשטעה, פאר וואס זאל איך ניט פערשטעהן? — זאגט ירחמיאל משה און זאטעלט זיך אן נאך אמאל מיט זיינע מאדנע ברילען, נעמט א שטיקיל פאפיר און א טינט און פעדער, טונקט איין דיא פען און ווארט וואס דער שמש וועט איהם זאגען וואס צוא שרייבען .

— שרייבט איהם זייט מוחל, דיקטירט איהם ישראל דער שמש — לבני היקר מהור״ר בנימין, ראשית שרייב איך דיר אז מיר זענען אלע ברוך השם אין בעסטען געזונד, גיב גאט דאס נעמליכע פון איהם צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער אמן .

והשנית שרייבט איהם, אז איך און סימע, מיין ווייב הייסט דאס, לאזען איהם גריסען גאר פריינדליך, און בעטען איהם ער זאהל אונז שרייבען אפטע בריוולין פון זיין מאכען וואס ער מאכט אין געזונד, און שרייבט איהם אז מיר ווינשען איהם אלדעס גוטס און הצלחה ער זאל מצליח זיין דארטען, און שרייבט איהם ער זאל זיך גאר ניט זארגען גאט איז א פאטער, דער עיקר ער זאל זיך אפהיטען אין געזונד זאל ער זיך אבהיטען און זיין א יוד, ווארום דאס איז דער עיקר, און שרייבט איהם אז איך שיק איהם אקערביל שיק איך איהם (ישראל קראצט זיך אין אלע קעשינעס), און שרייבט איהם אז איך וואלט איהם געשיקט מעהרער, האב איך ניט, מחמת דיא פרנסה איז איצטער געשלאגען, עס פערדינט זיך ניט, נישטא קיין יארצייט׳ן, און פון קיין חתונות מיט ברית׳ן שמועסט מען ניט, איך גע־דיינק שוין ניט די צייט ווען ס׳זאל זיין ביי אונז א חתונה, פון זינט רב הערש האט חתונה געמאכט דיא לעצטע טאכטער איז ניט געוועזן ביז אהער איין חתונה, דאס הייסט ס׳איז געוועזן א פאר חתונות, נאר אליץ הייסט חתונות, אויך מיר חתונות ! . . .

— ששש... חאפט ניט אזוי! — זאגט צו איהם דער מלמד — איהר פאהרט וויא מיט אפאר פאטשטאווע פערד, איך קען אייך ניט דער יאגען, נו, ווייטער ?

— און ווייטער שרייבט איהם, אז מעהר איז נישטא וואס צו שרייבען

און שרייבט איהם אז איך לאז איהם גריסען פריינדליך, אז סימע, די מאמע הייסט דאס, לאזט איהם גריסען גאר פריינדליך און אלע שוועסטער לאזען איהם גריסען, פעסיל און סאסיל און ברכה׳צי גאר פריינדליך, און שרייבט איהם ער זאהל אבהיטען יודישקייט און זאל זיין איוד, דאס איז דער עיקר און וויטער... אז איהר וועט אבשרייבען וועל איך זיך אבחתמ׳נען...

אז דער מלמד האט דאס אלסדינג אנגעשריבען, האט ישראל דער שמש פערקאטשעט די ארבעל, גענומען די פען פאוואלינקע מיט צוויי פינגער און האט זיך אנגעבריט צו טהון איין „אידעלע מלאכה״, אנידערגעלייגט אויפ׳ן פאפיר זיין אייגענעם נאמען ישראל און דעם נאמען פון זיין טאטען נפתלי עליו השלום און די פאמיליע ריטעלמאן, געדרעהט בשעת מעשה מיט דער צונג אין אלע זייטען, עס ווענדעט זיך ביי וואסער איין אות; למשל: א „למד״ געהט רעכטס, — געהט די צונג רעכטס, א „נון״ געהט לינקס, — געהט די צונג לינקס. פאראן מענשען, וואס האבען אזא טבע נישט נור בשעת זיי אליין, — אפילו בשעת יענער טהוט עפּים איין ארבייט און זיי שטעהען ביי דער זייט און קוקען, דרעהען זיי מיט דער צונג...

סע פערשטעהט זיך, אז אין שטעדטיל איז מען גיך געוואהר געווארען פון דעם סוד, אז ישראל דעם שמש זוהנדיל שטודירט אין די גימנאזיעם „אויף דאקטאר״, און עס האט איהם נישט געשאדט חלילה צו דער פרנסה גאר נישט, מע האט איהם נור דעקוטשעט מיט ווערטער:

— וועט איהר האבען הייסט דאס א זוהן א „יאקטאר״ אהן א היטעל? און אפשר נאך מיט א קנעפּיל? וואס פאר א פּנים וועט איר דעמאלט האבען, רב ישראל? ווי א הון זיצט אויפ קאטשקעליך; די קאטשקעליך לאזען זיך שווימען אויפ׳ן וואסער און די הון שטעהט און קוואקעט...

ישראל דער שמש האט דאס אלסדינג איבערגעטראגען שטילערהייט און געטראכט ביי זיך אין הארצען: „לאכט לאכט פון מיין בנימ׳טשיקען; דאס איז ביי מיר א „ווינגריישנע בילעט״...

ג.

איין מאל — ס'איז געווען ערב פסח, סימע דיא שמש'טע און אלע דריי טעכטער, פעסיל און מאסיל און ברכה'צי האבען געראמט אויף יום־טוב — עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין עפים א יונגערמאנטשיק מיט ווייסע קנעפ, מיט א מאדנע היטעל אויפ'ן קאפ און פאלט סימען אויפ'ן האלז און נאכדעם פעסלין און מאסלען און ברכה'צען און עס ווערט א קושעריי.

דאס איז געווען בנימין.

סימע האט זיך אזש צו ווײנט פאר פרייד.

— זוהגעניו! קדיש מיינער!

איז אנגעקומען ישראל א פערסאפעטער א דערשראקענער און האט זיך צעשריגען אויפ'ן ווייב.

— שא, שא, זעה נור, זי האט זיך א ביסיל צו יאמערט, טאמער ווייסט דו וואס איז דער געוויין וואס?

און אליין, אז ער האט בעטראכט בנימינ'ען ווי ער איז אויס־געוואכסען, האט ער זיך אויך קוים איינעהאלטען פאר געוויין, נאר א מאנסביל איז ניט קיין יודינע. א יודינע אז זי ווײנט מוז זי באלד אנ־הויבען שנייצען די נאז; און א מאנסביל אז ער וויל אפילו ווײנען, קען ער מאכען אזוי, אז מע זאל מיינען, אז ער לאכט.

— ווען ביזט דו געקומען ווען? אנו, דרעה זיך נור אוים צו מיר מיט'ן אונטען — מאכט ער צום זוהן — וואס איז דאס פאר א מין הלבשה אויף דיר? טהוא זיך אוים, פאר וואס טהוסט דוא זיך ניט אוים?

און אז בנימין האט זיך אויסגעטהון און איז געבליבען אין א בלועען מונדיר מיט א סך זילבערנע קנעפליך און די בעקליך זייען געווען רויט און די בלויע אויגען האבען געגלאנצט. האט ער טאקי געהאט דעם זיבעטען חן ניט נור בייא זייא, בייא איטליכען אין דיא אויגען. ווער עס האט איהם געזעהן האט מען זיך ניט געקענט זאט אנקוקען אן איהם „קיין עין הרע אויסגעוואקסען, ישראל דעם שמש זונדיל, געווארען א פרשוין!"... פייגה לאה דער שכנה'ס טעכטעריל מינצי, א מיידיל פון א יאהר נײנצעהן מיט שווארצע אויגעליך און מיט א גע־

דיכטען שווארצען צאפ, פערפלאכטען, אונטען מיט א רויט סטיינגעלע, וואס פאסט איהר צום פנים, איז אריין געקומען צו סימען כלומר׳שט א פרעג צוא טהון, אפשר געפינט זיך בייא איהר איין איבעריג טעפיל וואס זיא דארף עס נישט? האטש זיא ווייסט גאנץ גוט, אז סימע האט אויף איהר לעבען נישט געפרופט האבען קיין איבעריגע טעפליך, דאס איז נור געווען איין אויסרייד אויף אנצוקוקען בנימינ׳ען, א גלאנץ טהון מיט דיא שווארצע אייגליך און א ווארף טהון הין און צוריק מיט׳ן געדיכטען שווארצען צאפ און מיט׳ן רויטען סטיינגעלי, זיך אויסדרעהען און אנטלויפען; און שפעטער אביסיל נאך אמאל אריין לויפען, מיט א נייעם אויסרייד און ווידער אמאל דאס אייגענע, אזויא אז בנימינ׳ם דריי שוועסטער, פעסיל סאסיל און בראכצי, אלע דער־וואקסענע שוין, האבען א קוק געטהון איינס אויפ׳ס אנדערע, וויא איינער רעדט: „טאמער ווייסט דוא וואס איז דאס דרעהען וואס זיא דרעהט זיך?... און בנימין האט דערוויילע אוועקגערופען די מאמע אויף א זייט און האט איהר עפים געגעבען א מטבע, אריין גערוקט אין האנד אריין, זיא זאל מאכען א שענעם פסח״. סימע האט אויף איהר לעבען אזויא פיעל געלד נישט געהאלטען אין האנד! און פאר דיא שוועסטער האט ער געבראכט צופידרען מתנות און מתנות: סטיינגעס מיט קעמליך, מיט שפיגעליך, מיט שמאכטעליאקעס אהן א שעור! און דער מאמען א זיידענע פעטשיילע א געלע מיט רויטע און מיט בלויע קוויטען. סימע דיא שמש׳טע האט זיך אזש צעווינט פאר פרייד.

— וואס איז דאס? וויא קומט צו דיר געלד? פרעגט איהם ישראל מיט א געלעכטער.

— וואס הייסט וויא קומט צוא מיר געלד? — ענטפערט איהם בנימין מיט גדלות — איך פערדין שוין היינט ברוך־השם אכט קארבען א חודש. איך גיב „שטונדען״. איך לערען הייסט דאס מיט קינדער, צאהלט מען מיר. איך בין שוין אין גימנאזיע אין פינפטען קלאס. אכט קלאסען איז פאראן. נאך דריי קלאסען, דריי יאהר הייסט דאס, ענדיג איך דיא גימנאזיע און טרעט אריין אין אוניווערזיטעט שטודירען אויף דאקטער...

בנימין דערציילט און דערציילט און אלע שטעהען און לאזען נישט אראב פון איהם "קיין אויג און טראכטען זיך: „אט דאס זאהל מאקי זיין בנימין? יענער בארוויסער בנימטשיק, וואס האט זיך געוואלגערט אין בית־המדרש?... אכט קארבען אחודש... אכט קלאסען... א זיידענע פעטשיילע... אוניווערזיטעט... דאקטאר..."

גאט ווייסט אויב עס האט נאך עמיצער געהאט אזא פרייליכען פסח, אזא געהויבענעם „סדר" וויא עס האט געהאט ישראל דער שמש. מילא פון וויין אויף ארבע־כוסות און פון פסח'דיגען בראנפען, פון פיש און פון קניידליך און פאלירטשיקעס שמועסט מען ניט; איך רעד פון דער הגדה, וואס ישראל און בנימין האבען געזונגען ביידע איינס איבער דאס אנדערע, ס'איז געוועזן א מחיה צוא הערען! אז ס'איז געקומען צו „רבי אליעזר אומר מנין שכל מכה ומכה..." האבען זייא זיך צעשאקעלט און גענומען א הויכען טאן, האט סימע, וואס איז געזעסען דיא גאנצע צייט און געקוקט אויף איהר טרייסט אויף בנימינ'ען מיט אמאל אנגעהויבען מאכען פיסקעס אויף צו וויינען, האבען זיך אלע דריי שוועסטער, פעסיל און סאסיל און בראכצי ניט געקאנט איינהאלטען און האבען זיך צעלאכט, און אויף זיי קוקענדיג האבען אלע אנגעהויבען לאכען און סימע אויך — ס'איז שוין געוועזן א פסח בייא זייא, וואס זאלט איהר קלערען!

יום־טוב אין דער פריה, אז בנימין איז געקומען אין שול אריין, האט מען בעטראכט דאס „סטודענטיל" מיט דיא זילבערנע קנעפ ווי א ווילדע חיה. יונגליך, קונדייסים האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, געטייט מיט דיא פינגער און געלאכט איהם גלייך אין פנים אריין. נאר בנימין איז געשטאנען די גאנצע צייט מיט'ן סדור'ל און האט געדאווענט, און אז ס'איז געקומען, אז מע האט איהם אויף גערופען צו דער תורה (רב מאניש דער גבאי האט צו ליעב געטהון ישראל דעם שמש און האט געשענקט זיין זוהן איין עליה) און בנימין האט געמאכט די ברכה הויך אויף א קול מיט'ן יום־טוב'דיגען ניגון, איז אין שול געווארען א הו־הא: וואס זאגט איהר אויף אונזער ישראלס זוהנדיל!

פאר'ן ארויסגעהן פון שול האט דער נגיד פון שטעטיל, רב הערש,

א זאג געטהון צום שמש ער זאל איהם צופיהרען זיין זוהנדיל.

— ישראל! — האט געזאגט רב הערש צום שמש ברייטליך, וויא א נגיד בעדארף צו זאגען בשעת ער רעדט מיט אקלענערען פון זיך, האלט זיך בשעת מעשה ביים זיידענעם גארטעל, קוקט נישט גלייך אין דיא אויגען אריין און רעדט מיט א צווייענדיג היסטיל פונ׳ם האלז און פון דער נאז.

— ישראל! אנו, קום נאר אהער המ... המ... מיט דיין זונדיל; לאם איך איהם... המ... המ... אויך אנקוקען!

דערהערט, אז רב הערש וויל רעדען מיט ישראל דעם שמש „סטעדענטיל", האט זיך דער עולם אלאז געטהון הארכען, וואס וועט מיט איהם עפים רעדען דער נגיד און וואס וועט ער איהם ענטפערען. בנימין איז צוגעגאנגען צו רב הערשען ווי צוא זיינעם אגלייכען, גאר נישט געשעמט זיך, איהם אבגעגעבען שלום וויא איין אלטער, און רב הערש האט א קוק געטהון אויף בנימין פון אויבען אראב, נישט געוואוסט וויא אזוי זאל ער מיט איהם ריידען: זאל ער איהם זאגען „איהר" — אזא וועוריק? צופיעל כבוד פאר׳ן שמש זונדיל! זאגען איהם „דו" — איז עפים אויך נישט אזוי, פארט א „סטודענטיל" מיט קנעפ, א גאנץ פריציל... איז רב הערש געפאלען אויף איין עצה און האט מיט איהם אנגעהויבען רעדען גאר בלשון נסתר: „וואס מאכט מען? ווען קומט מען? ווען פארט מען צוריק? בנימין האט ארויסגע־שטעלט דיא רעכטע פום אויף צו פריהער, איין האנד האט ער אריין געלייגט אין בוזעם און מיט דער אנדערער האט ער געשמשיפעט די אויבערשטע ליפ, אבגעענטפערט אויף אטליכעס ווארט גייציג, גאר נישט אנגעהויבען צוא שעמען זיך אפילו! רב הערשען איז דאס יא געפעלען: און נישט געפעלען: „נישט קיין נאריש בחור׳ל, נאר דאכט זיך איין עזות־פנים א גרויסער..." אזוי טראכט זיך רב הערש און לאזט זיך אריין מיט בנימינ׳ען אין א ברייטען שמועס אריין מכח קלאסען, וויפיעל איז פארהאן קלאסען? און צו וואס בעדארף מען דאס דוקא אכט קלאסען? פאר וואס נים קיין נייען קלאסען? און וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביז׳ן אנדערען קלאס?.... „אויף דער טאבליצע אזא שיינער יוד און אזא בהמה!"... אזוי טראכט זיך בנימין און גיט

צוא פערשטעהען דעם שכל וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביזן אנדערען. רב הערשען שטעהט ניט אן דיא מעשה, וואס אזא שנעק גיט אידם צו פערשטעהן דאס וואס ס'איז נישטא גאר צו פערשטעהן, מאכט ער צוא אידם:

— מילא בקצור דאס פערשטעהט א מינדסט קינד, אבער פאר וואס איז דער שכל פון אכט קלאסען, ניט קיין נייען?

— ווארום ווען סע וואלט זיין נייען קלאסען, וואלט איר געפרעגט, פאר וואס עפים דוקא נייען קלאסען, ניט צעהען?

אזוי ענטפערט אידם אב בנימין און דער עולם צעלאכט זיך; נאר איין רב הערש לאכט ניט. ער קלערט זיך בשעת מעשה: „א רעכטער שיינעץ!" און מדוט א הוסטיל פונ'ם האלז. און פון דער נאז: הם... הם... צייט געהן אהיים... הם... הם... מאכען קדוש...

ווער עס האט ניט אנגעקוקט דעמאלט ישראל דעם שמש, וואס איז געשטאנען בייא דער זייט, געקוקט פון איינעם אויפ'ן אנדערען און געשלונגען בנימינ'ס ווערטער, דער האט ניט געזען קיין גליקליכען מענשען קיין מאל אויף זיין לעבען. ער האט געווארט ביז רב הערש וועט שוין אבלאזען זיין זוהן און ער וועט קאנען געהן מיט אידם אהיים, דארט קוקט מען שוין א רוים אויף אידם, דיא מאמע מיט אלע דרייא שוועסטער; אויפען טיש ליגען שוין אנגעגרייט מסתמא דיא שעהנע מצות און אין אויבען זידט א געשמאקער בארשט א פסח'דיגער, און הייסע קניידליך מיט שמאלץ, און אפשר נאך א טייגעכץ אויך... און אז רב הערש האט זיך אויסגעהוסט און איז געגאנגען מיט זיינע מקורבים צוא זיך אויף קדוש, האט ישראל דער שמש פערבעטען צוא זיך אויף קדוש זיין איין־איינציגען גוטען פריינד, זיין בעל־סוד, ירחמיאל־משה דעם מלמד. האט אידם מכבד געוועזען מיט א גלעזיל וויין פונ'ם אמת'ען ראזענקעס וויין, און סימע האט זיך אויסגעפיינט פאר אידם מיט אזעלכע מינים תרעמוליך, וואס ס'איז שווער צוא זאגען א מבינות, וואס ליגט אין זייא: צוא מעהר האניג, צוא מעהר שמאלץ, מחמת זייא זיינען געוועזען אי געגוג זים אי געגוג פעט, דייא האבען זיך אוש געקלעפט צום גומען און דיא שמאלץ האט גערונען איבער דער בארד. ירחמיאל משה, וואס האט

געהאט א טבע פון שווייגען און זיפצען, אז ער האט גענומען דאס ערשטע גלעזיל ווייז, האט זיך איהם שוין אנגעהויבען דרעהען דער קאפ און דער צונג האט זיך בייא איהם אויפגעבונדען, און ער איז מיט אמאל געווארען בערעדעוודיג, האט פערהערט בנימינ׳ען צו ער געדענקט נאך דעם חומש מיט רש״י וואס ער האט אמאל געלערענט מיט איהם אין חדר.

בנימין האט געדענקט אי דעם חומש אי דיא רש״י, און ישראל דעם שמש הארץ איז שיעור נישט ארויס געשפרונגען פאר תענוג.

— וואס זאגט איהר אויף איהם? האט ער זיך אנגערופען צום מלמד שוין אויף יענער זייט טיהר.

— א כלי שלימה! — מאכט צוא איהם ירחמיאל־משה, נעמט צענויף דיא ליפען און שאקלט מיט׳ן קאפ.

— אבער א יוד הא? — זאגט צוא איהם ווייטער דער שמש און קוקט איהם אין דיא אויגען אריין.

— מיט גאטעס הילף! — מאכט ירחמיאל־משה.

— איא א „ווינגרישנע בילעט״, הא?

דרויף מהוט ירחמיאל־משה א מאך מיט׳ן קאפ, מיט די אויגען און מיט די הענד, ער מאכט אזא מינע, וואס ס׳איז שווער צו פערשטעהן, וואס ער מיינט; מע קאן רעכענען אי אזוי, אי אזוי, יא א ווינגרישנע בילעט, און ניט קיין ווינגרישנע בילעט, וואס ווייסט א מענש?...

— א גוטען יום־טוב! — זאגט ער און קושט נאך אמאל די מזוזה — נאט זאל העלפען דער לעבען איבער א יאהר און מע זאל זיין געזונד און מע זאל געהן איינער צום אנדערען אויף שמחות, און ניכען אויף א חתונה ביי אייערע טעכטער, און נאך דעם אם ירצה־השם ביי אייער זוהן, און יודען זאלען אוים געלייזט ווערען פון אלע צרות, און מע זאל הערען בשורות טובות ישועות ונחמות אויפ׳ן כלל יודען, ווארום שוין צייט גאט זאל עפים רחמנות האבען, יודען זאלען עפים אויפגעריכט ווערען, און ס׳זאל זיך פערבעסערען אין דיא פרנסות, און ס׳זאל גלאט עפים ווערען גוט אויף דער וועלט און פריילין אויפ׳ן הארצען און ס׳זאל זיין... עס זאל ווערען... ס׳זאל... ס׳זאל... ס׳זאל...

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייסט שוין אליין ניט וואס ס׳זאל זיין

און וואס ס׳זאל ווערען. ער האט שוין דאכט זיך אוים געשאטען אלס־דינג וואס ער האט געהאט, איז ער געבליבען שטעהן ניט אהין און ניט אהער, וויא אזוי געהט מען אוועק גלאט אזוי, אין מיטען דרינען אהן א זייט געזונד? א גליק וואס ער האט זיך דערמאנט.

— און ס׳זאל... קומען משיח!

— אמן! האט איהם געענטפערט ישראל דער שמש און אין הארצען ביי זיך האט ער געטראכט: לאז פריהער מיין בנימין ענדיגען דאקטאר און נאך דעם לאז קומען משיח...

ד.

וויא לעבעדיג און וויא פריילך ס׳איז געוועזן ביי ישראל דעם שמש אין שטוב בשעת בנימין איז אנגעקומען, אזוי איז דארטען געווען אומעטיג און טרויעריג ביי זיין אוועק־פאהרען צוריק אין דער גרויסער שטאדט אריין. וויינען האט קיינער נישט געוויינט, נאר ס׳איז גלאט געווען אימליכען בעזונדער אנגעזאלעט אויפ׳ן הארצען, ווי צו א לויה חלילה. סימע האט זיך אפילו א פאר מאל יא א נעם געטהון צום פארטוך, האט ישראל, וואס אלע אין שטוב האבען געציטערט פאר איהם און געהאט דרך־ארץ, געגעבען אויף איהר אזא קוק, אז זיא האט פערשטאנען אז מע דארף נישט וויינען. ישראל האט געוואלט ס׳זאל דוקא זיין פריילך, האט ער פריער בעווארענט, אנגעזאגט דעם ווייב און אלע דריי טעכטער, אז קיינער זאל זיך ניט דערוועגען לאזען קיין טרער; נאר אז בנימין האט זיך אנגעהויבען קושען און ס׳איז געקומען צו דער מאמען, האט סימע ארויסגעלאזט עפים א מאדנעם קווימש פונ׳ם האלז און איז פערשטארבען געווארען אויף בנימינ׳ס האלז דעמאלט האבען זיך אלע דריי שוועסטער גענומען שנייצען די נעזער, מחמת זייא האבען דערפילט, אז בייא זייא אויף דיא ברעמען טאנצען טרערען און אין האלז איז בייא זייא געווארען מיט א מאל שרעקליך אייננ... נאר איין ישראל האט זיך געהאלטען ווי א מענש: ער האט ניט אויפגעהערט צו לאכען פון דער „וויבעריי" מיט זייערע „ואלוועלע טרערען", האטש אליין האט ער געפיהלט וויא טויזענד קעץ גראבלען איהם מיט דיא נעגיל בייא דער נשמה און ס׳איז איהם

אבגעגאנגען א מינוט ער זאל זיך צעוויינען. נאר א מאנסביל איז פארט א מאנסביל; ער האט זיך מישב געוועזן און האט גאר אנגעהויבען ווערטלען זיך, חאטש עס האט זיך ניט געקלעבט אווארט צו אווארט, און ארומטאנצען הין און צוריק, ווי אמשוגענער, געהאלפען בנימינ׳ען זיך אנטהון געמאכט חוזק פון דיא זילבערנע קנעפ מיט דער פאדקע וואס פון הינטען, און סוף כל סוף, נאך אלע ווערטערליך זאגען מיט׳ן ארומטאנצען, האט ער אוים געזעהען וויא א מענש וואס האלט בייא ארוים רייסען זיך א צאהן.

נאך איין נשמה איז געווען פערצארענט און שטארק טרויעריג פון בנימינ׳ס אוועקפארען, חאטש יענע נשמה האט זיך אנגעקעהרט מיט איהם א ווילד פרעמדע. דאס איז געווען פייגה־לאה דער שכנה׳ס טעכטעריל מינצי מיט די שווארצע אייגעליך, מיט׳ן געדיכטען שווארצען צאפ און מיט׳ן רויטען סטיינגעלי... וואס פאר א מחותנת׳טע איז דא געווען מינצי? וואס האט זיך אנגעקעהרט מיט איהר בנימין, וואס זיא איז ארויסגעגאנגען איהם בעגלייטען אזש אין דרויסען ארוים, געשטאנען צענויפגעלייגט דיא הענד אויפ׳ן הארצען און געזיפצט? און וואס האט בעדייט דאס קוקען וואס זייא האבען זיך בײדע אזוי געקוקט אין דיא אויגען אריין? ווען האבען זייא צייט געהאט צו דיזקענען זיך, אז א גאנץ פסח איז בנימין געווען אין געפענגעניש בייא זיינע דריי שוועסטער, וואס האבען איהם נישט אבגעלאזט אויף קיין מינוט? נאר אויך דיא אייגענע מעשה, ווער קאן דאס ערוב זיין פאר א בחור מיט א מיידיל, אז זייא זיצען אב א פאר וואכען אונטער איין דאך און עס ציהט זייא איינס צוא דאס אנדערע וויא א מאגנעט? אפשר האבען זיי זיך דורכגעווארפען מיט א פאר ווערטער און זיך נאך א קוועטש געטהון דיא האנד אויך — ווער קאן דאס וויסען?... אפשר האבען זייא זיך בעגעגענט פאר־נאכטליך אין הויז ערגיץ אין א ווינקעלי און האבען זיך אין דער פינסטער שטילערהייט צעקושט — איך וויים? למאי זאל איך זאגען אזעלכעס וואס איך האב נישט געזעהען מיט דיא אויגען?... א קונץ נעמען און אויסטראכטען פונ׳ם קאפ גלאט א בבא־מעשה? מילא בנימין — גאר נישט; ער וועט זיך אוועק־

פאהרען צוריק אין דער גימנאזיע און וועט פערגעסען דעם זייא־געזונד; אבער מינצי? ! מינצי איז א מיידיל צו לייטען און א שעהן מיידיל דערצו זיא בעדארף חתונה האבען, אידר קאן דאס חלילה שאדטען צום שדוך !... אודאי וואלט געווען א גרויסער „יושר דער ראמאן זאל זיך נישט ענדיגען אזוי גיך, אז דיא ליעבע צווישען זייא זאל ברענען וויא א העליש פייער, אז עס זאלען געהן חין און צוריק פלאמפייערינע בריוועליך, אז בנימין זאל ענדיגען דאקטאר און קומען און פאלען מינצין צוא דיא פיס; אדער לאז ער נישטווארטען ביז ער וועט אמאל ענדיגען דאקטאר און באלד ארויס׳גנבה׳נען מינצי׳ן דורכ׳ן פענסטער און אנטלויפען מיט איהר קיין פאריזש, אהין וואו עס לויפען אלע העלדען פון אונזער יודישע נאטירליכע „העכסט אינטערעסאנטע״ ראמאנען... אי וואס וועלען זיי טהון אין פאריזש? זייא וועלען דאך דארט פגר׳ען פאר הונגער! א דאגה מיר, אודאי דארף איך געהן פערזארגען דעם תכלית פון ישראל דעם שמש זוהן מיט פייגה־לאה דער אלמנה׳ס טאכטער! וואס איז? איך קאן ניט בעשטעהן אז בנימין אדער מינצי זאל פלוצים בעקומען עפיס א צעהען מיליאנשטיקליך ירושה פון א רייכען פעטער, וואס איז געווען פריער א באנדיט און נאכדעם א באראן, וויא אין אלע „העכסט אינטערעסאנטע״ ראמאנען? צוא איך קאן ניט אויספיהרען, אז בנימין אליין זאל געפעלען ווערען אין פאריזש און זאל ווערען פרעזידענט? אדער אין מינצי׳ן זאל זיך פערליעבען א פרינץ? (וואס מאכט אייך אוים וואסער פרינץ? קארג פרינצען פארהאנען אויף דער וועלט — טאטעניו!) און זיא זאל פערלייקענען פאר איהם, אז זיא איז א כלה פאר׳ן פרעזידענט, דאס הייסט פאר בנימינ׳ען, און ער, דער פרינץ הייסט דאס, זאל זיא אבגילטען פון קאפ ביז פיס און אז עס קומט צו דער חופה, וואקסט אוים בנימין, געוויינטליך פארמאסקירט, מיט נאך צוויי באנדיטען און גנבה׳ט אוועק דיא כלה פון אונטער דער חופה און אנטלויפט מיט איהר קיין לאנדאן — און געה לאד מיך! יענער, דער פרינץ, איז אבער אויך נישט קיין פראסטאק, יאגט ער זיי נאך מיט א געזונדען פאלק זשאנדארמען און וויל זיי חאפען, ווארפט אראב בנימין דיא מאסקע, מע טהוט א קוק — שא, ס׳איז גאר דער

פרעזידענט פון פראנקרייך! פאלען זייא אין אומאכט, און מע טרוגט פאר איהם קניהען און בוקען, און מע פיהרט איהם מיט גרזים פאראד קיין פאריזש אין איינעם מיט מינצין, און פון דארטען פאהרען זייא גלייך אהיים אנגעשטופט מיט גאלד און מיט בריליאנטען, און קומען אן פונקט אין דער צייט, ווען ישראל ליגט פאר צרות און פאר הונגער טויט קראנק, סימע איז שוין לאנג געשטארבען (סע שפיעלט א גרויסע ראלע טאמער שטארבט א יודענע אין א ראמאן !) אלע דריי שוועסטער פעסיל און סאסיל און ברכ'צי שטעהען אויף דיא קניהעם ביים טאטענס בעט און גיסען מיט טרעהרען, און פייגה־לאה דיא אלמנה ברעכט דיא הענד און בעווײנט איהר מינצען מיט זידיגע טרעהרען.

— שוין באלד א יאהר — רופט זיך אן צו איהר ישראל מיט זעהר א שוואכער שטימע — שוין באלד א יאהר זינט אונזערע ליעבע קינדער זענען פערשווינדען געווארען און מיר הערען נישט אויף צו וויינען. מיין סימע נעביך איז געשטארבען. איך שטארב אוועק און לאז איבער מיינע דרייא טעכטער וויא אויפ'ן וואסער.

— וואס ווערט זיין פון זיי? געוואלד, גאטעניו וואס שווייגסט דו ?!

— פלוצים עפענט זיך די טיהר און עס פאלען אריין אין שטוב אריין בנימין דער פרעזידענט פון פראנקרייך און מינצי די פרינצעסין פון לאנדאן, אנגעטהון בגדי־מלכות.

— ליבער פאטער!

— ליבע מוטער!

— ליבער ברודער!

— ליבע שוועסטער!

— טהייערע טאכטער!

— וואו זענט איהר געוועזן אזוי לאנג!

— אין פאריזש און אין לאנדאן.

— וואס איז בייא אייך דארטען אין דיא זעק און אין דיא

— טשעמאדאנקעס?

— גאלד! סאמע אימפעריאלען! דאס האבען מיר אייך געבראכט א מתנה — יא איהר ווייסט אז אונז קומט מזל־טוב?

— וואס איז דען?

— מיר זענען דאך חתן־כלה!

— אויב אזוי קומט דאך אונז אלעמען מזל־טוב!

— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!!! . . . .

. . . .

— אזוי וואלט איך געטהון ווען איך זאל שרייבען א נאטירליכען „העכסט־אינטערעסאנטנעם ראמאן". נאר איך דערצעהל גלאט א מעשה פון איין ארים בחור וואס האט זיך אוועקגעלאזט נישט קיין פאריזש און ניט קיין לאנדאן, נאר גלאט אזוי אין א גרויסער שטאדט אריין זיך לערנען, האבען מיר נישט נייטיג אויסצוטראכטען פונ'ם קאפ נסים ונפלאות וואס ניט געשטויגען נישט געפלויגען, און דער־צעלעז בעסער די מעשה וואס איז געוועז.

ה.

דריי יאהר זענען איבערגעגאנגען פון יענעם גליקליכען פסח וואס מיר האבען בעשריבען, אסך וואסערען זענען אבגעלאפען, אסך צרות זענען אויסגעשטאנען — ישראל דער שמש דא און זיין זוהן בנימין דארטען; אסך נעכט איז ניט געשלאפען ישראל דער שמש דא און בנימין זיין זוהן דארטען; ישראל דער שמש איז ניט געשלאפען קיין נעכט, ווייל ער האט איבערגעטראכט און געהאט יסורים פון זיין בנימינ'ען וואס ער הארעוועט נעביך אזוי שטארק, און בנימין איז ניט געשלאפען קיין נעכט, ווייל ער האט זיך געגרייט צום עקזאמען.

„גאט זאל מיר העלפען איך זאל שוין אריבערשפרינגען דעם עקזאמען — אזוי האט בנימין געשריבען אהיים — וועל איך דעמאלט קומען צופאהרען צו אייך, מיינע „ליעבע און געטרייע, אויף אגאנצען זומער זיך אויסרוהען דיא ביינער!..."

און ישראל דער שמש האט ארויסגעקוקט אויף דער גוטער בשורה פונ'ם „אקזאמענט" וויא מע קוקט ארוים אויף משיח'ן. איהם האט זיך פארגעשטעלט, אז בנימין קומט צופאהרען א פארטיגער דאקטאר, א גרויסער דאקטאר: דיא גאנצע שטאדט לויפט זיך

צעטיף אנקוקען "ישראל דעם שמש דאקטאר"; מע שלאגט איהם אב דיא טירען, מיט בקשה'ס; אטליכער זוכט זיך א צד; אפילו הענזיל דער איינבינדער, א שלים מזל מיט א קרום־פיסיל, אז ער געהט שפרינגט ער אונטער, איז אויך געקומען צושפרינגען.

— וואס ביסט דו דא פאר א רב שמעלקע, הא? פרעגט איהם ישראל.

הײנזיל דער איינבינדער, געננג ער הינקט אונטער אויף א פוס, רעדט ער נאך שעפּיליאווע אויך, קאן ניט אויסריידען קיין רי"ש.

— סטייטש יב ישיאל „איך בין דאך אייעע איין אייגעני קוב.

— וואס פאר א קרוב ביזט דוא? — פרעגט איהם ישראל, חאטש ער ווייסט גאנץ גוט אז ער איז א קרוב אפילו א ווייטליכער, נאר פארט אקרוב.

— מיין עלטעיע פעטעי יאובן און אייעי פינעס מומע ייזיל זענען געווען אייגענע שוועסטעי און בידעי.

— אודאי קעהרסט דוא זיך אן מיט מיין זוהן א קנעפּיל! — זאגט צוא איהם ישראל; נאר הענזיל דער איינבינדער מאכט אזא קרום פנים, אז ער האט אויף איהם רחמנות און לאזט איהם צוא.

— נו? — פרעגט איהם ישראל ביים ארויסגעהן פון בנימין'ען — וואס הערט זיך, שלים מזל?

— הונדעיט און צוואנציג יאהי זאהלט איהי לעבען! — ענטפערט איהם הענזיל, האלט א זשמעני מיט גאלד, שפּרינגט אויפ'ן פיסיל און דאס פנים פלאמט איהם און שוויצט אזש.

— דיא משפחה דיינע! — זאגט ישראל צוא סימען מיט א שמאך, און בעווייזט איהר מיט דיא אויגען אויפ'ן שלים־מזל הענזיל דעם איינבינדער.

— נעבּיך א גרויסער אביון, פערענפערט איהם סימע.

— דערי'מעך איז וואס? קארג ארימע לייט פאראן אין שטאדט? —... אזוי זאגט ישראל, נאר מיינען מיינט ער עפּיס אנדערים; ער האט מורא אז מע וועט אזוי שלעפען בייא זיין זוהן פסדר, וועט מען איהם מאכען פאר א קבצן.

— נענוג! זאגט ישראל און שליסט צוא דיא טיהר — גענוג איך

שלין צוא געהן אויף־און־אב! לאזט אידם אפרוהען זיך האטש אביסיל פון וועג!...

ישראל דער שמש איז אין זיינע לופטיגע גילדערנע מחשבות פערגאנגען אזוי וויט, אז ער האט אנגעהויבען מאנקירען מיט דער שטעלע; ס'איז אידם נמאס געווארען דאס שמשות, זיין איטליכען א משרת, אויסשטעהן יעדענס קאפריז, טראגען אויפ'ן קאפ איטליכענס יאהרצייט, חנפה'נ'ען איטליכען בעזונדער, יוצא זיין פאר קיין עין־הרע אזא עולם מיט יודען, וואס אלע ווילען דוקא דעם אויבען אן אין מזרח, אלע ווילען דוקא שישי; אלע ווילען דוקא דעם ערשטען פסוק פון אתה־הראית; און אז דיא גבאים צווישען זיך קריגען זיך, איז ווער דאס כפרה־הינדיל? דער שמש! אז צוויי נגידית'טעס אין שוהל צעאמפערען זיך איבער'ן אתרוג וואס מע האט צוא איינער געשיקט פריהער וויא צוא דער אנדערער, איז וועמען פליהט דעמאלט אין טאטען אריין? — דעם שמש! ווער הארעוועט מעהר פון אלע? ווער קומט אהיים שבת און יום טוב שפעטער פון אלעמען? ווער זעצט זיך צום טיש דעמאלט ווען אלע שלאפען שוין? אלץ דער שמש אז אך און וועה איז אידם! און טאמער ווייסט איהר וואס האט ער דערפון? צרות האט ער דערפון, מיט עגמת נפש, מיינע שונאים, מיט בזיונות, מיט גריזאטע, אז קיין שכירות נעמט ער נים, בלייבט איבער נור דיא הכנסה, דאס וואס עס מאכט; איז וויא באלד עס מאכט זיך מאכט דאס, און אז עס מאכט זיך נים, מאכט דאס מכות...

— ישראל! ווער'סט מוחל זיין א לויף טאן צוא מיר אהיים — אזוי האט אידם אין יענער צייט א זאג געטהון איין מאל רב הערש דער נגיד און האט זיך בשעת מעשה נעגלעט דאס בייכיל און געגעבען אלע מאל א צווייענדיג הוסטיל — טהו א שפרונג אויף איין פוס צוא מיר אהיים זייא מוחל און הם... הם... זאג מיין שרה'ן אז בייא מיר אונטערען קישען הם... הם... האב איך איבערגעלאזט די שליסעליך; טאמער וועט זיא זייא זוכען, זאל זיא וויסען הם... הם... וואו זייא צוא זוכען.

ישראל דער שמש איז געוואהנט געווארען שטעהן פאר רב הערש דעם נגיד וויא א סאלדאט פאר א גענעראל, און איידער ער

לאזט ארויס דאסווארט „געדך לויפט ער שוין; נאר איצטיגעס מאל
האט זיך ישראל עפים נישט אזויא געהאפט און האט געמורקעט
אונטער דער נאז.

שליסעליך... טאטענס משרת... לאז מען געהן אז מע דארף... אבי
טרייבען יענעם וויא א הונד...

— וואס מורקעסט דו? — פרעגט איהם רב הערש דער נגיד,
וואס איז נים געוואהנט געווארען צוא אזעלכע זאכען.

— ווער מורקעט ווער? איך מורקע דען? גלאט איך זאג, לאז
מען געהן אז מע דארף, דאס הייסט איך געה, אטא געה איך
אטא...

ישראל לאזט זיך לויפען מכח דיא שליסעליך און שעלט בשעת
מעשה רב הערש דעם נגיד מיט אלע נגידים זייא זאלען געהן כפּ־
הקלע. לאז נור גאט העלפען זומער, אז ס'וועט קומען צעפאהרען
זיין זוהן, — שלאגט ער מיט זייא אלעמען כפרות!...

ו.

גאט האט געהאלפען דער זומער איז געקומען, נאר בנימין איז
נישט געקומען. און בריעף האט ער אויך אנגעהויבען שיקען נישט
אזוי אפט וויא פריהער, און דיא בריעף אליין זענען עפים אויך
געווארען וואס ווייטער אי קירצער אי אומעטיגער. ער האט נור
מודיע געווען אז דעמאלט און דעמאלט בעדארף זיין בייא איהם
אזא און אזא עקזאמען.

„דער דאזיגער עקזאמען — אזוי האט געשריבען בנימין אין זיין
לעצטען בריעף, „דאס איז בייא מיר דער יום־הדין, ווארום טאמער
פעהלט מיר חס ושלום איין זעכצעהנטיל וועל איך נישט קענען אריין.
און אז איך וועל נים אריין איצט, וועל איך „מוזען בלייבען אויף
איבער איאהר, און ווער ווייסט וואס וועט זיין איבער איאהר,
„טאמער איז איבער איאהר נאך ערגער? וואס זשע וועל איך
דעמאלט טהון? וואס „וועט זיין ווייטער? אויף וואס האב איך
בעדארפט אזוי פיעל הארעווען, פערשווארצט „ווערען? אזויא פיעל
לערנען, חזרען אויף אויסווייניג, הונגערען גאנצע טעג, נים „שלאפען
קיין נעכט און פרירען וויא א הונד? נישט איך אליין פרעג דיא

דאזיגע קשיא. „עס זענען דא נאך אסך אזעלכע וואס זענען פער־בליבען נאך פון פאר איאהרען און „קאנען נישט אריין, ווייל סע פעלט זייא צו דער נארמע, און אט שפּרינגט אונטער „דער פּריזיוו און אויפ'ן עקזאמען שניידט מען, — ס'איז שלעכט!... ביטער און פינסטער!...״

ישראל דער שמש איז ארומגעגאנגען אהן אקאפּ; ער האט נישט געקאנט פערשטעהן, פאר וואס זענען עפּיס בנימינ'ס בריוועליך געווארען מיט אמאל אזוי אומעטיג? ער האט געבעטען ירחמיאל משה דעם מלמד ער זאל שרייבען בנימינ'ען, וואס איז דאס פאר נארמעס, און וואס הייסט עס פעהלט א זעכצעהנטיל? מע מעסט דען ביים עקזאמען אויך מיט א מאס אזוי וויא ביים פּריזיוו? און וואס הייסט מע שניידט ביים עקזאמען? ווער שניידט? פאר וואס שניידט מען? הכלל ער זאל איהם אויס שרייבען אלסדינג באריכות און זאל גאר ניט זארגען, ער זאל זיך פערלאזען אויף דעם וואס לעבט אייביג, ער קאן אלץ, און דער עיקר ער זאל זיין א יוד וועט אלסדינג אם ירצה השם זיין גוט...״

אויף דעם דאזיגען בריעף און אויף אלע איבעריגע בריעף האט שוין אבער ישראל דער שמש מעהר קיין ענטפער נישט בעקומען. ישראל איז נישט געוואהנט געווארען אז פון בנימני'ען זאל אזא צייט קיין בריעף ניט זיין; ער האט אזויא לאנג איהם געשריבען און געשריבען, ביז ער האט אויף געהערט צוא שרייבען; ס'איז איהם געווען א בזיון פאר ירחמיאל משה דעם מלמד...

— וואס קען עס זיין וואס ס'איז ניטא קיין בריעף אזוי לאנג? — פרעגט סימע בייא ישראל'ן און בעקומט פון איהם א פסק וויא געוויינטליך.

כשר'ה בהמה! ער האט מעהר ניט וואס צו טהון, נאר שרייבען בריוולאך? ווארט אויס אביסיל, לאז ער אבגעבען דעם "אקזאמענט, וועט ער דיר דעמאלט שרייבען!...

בעקומען איהרם טרעט סימע אב, וויא א הונד בשעת ער חנפה'ט זיך צוא צום בעל הבית, דרעהט מיט'ן ווידיל און בעקומט א „פּאשאל־וואן!״...

ישראל איז ארומגעגאנגען מיט א געשוואלען הארץ און מיט אשווער געמיט, ער האט זיך גאר קיין ארט ניט געקאנט געפינען. וואס זיין קאפ האט איבער געקלערט אין דער צייט — זאל קיין פאטער נישט וויסען, און די חלומות וואס ער האט געזעהן ביינאכט זענען געווען מורא׳דיגע, שרעקליכע חלומות. איין מאל חלומט זיך איהם אז ער פארט צוא גאסט צוא זיין זוהן אינ׳איינעם מיט סימען. געפאהרען־געפאהרען, איבער בערג איבער טאהלען, וואלד איין וואלד אויס, געקומען צו פאהרען צו א גרויסען פאלאץ, פרעגט ער: „דא זיצט ריטעלמאן דער דאקטאר?״ זאגט מען: „זיצען זיצט ער דא, נאר מע קאן איהם ניט זעהן״, פרעגט ער „פאר וואס״? זאגט מען איהם: „דער־פאר ווייל מע לאזט קיינעם ניט צו״. רופט זיך אב ישראל: „געהט זאגט איהם, זייט מוחל, אז דער טאטע איז געקומען״. „און די מאמע״ — רופט זיך אן סימע, „אט האסט דוא דיר ס׳קאצעל קומט, זיא איז אויך דא אין מיטען!״ — זאגט צוא איהר ישראל, און אזוי וויא זייא רעדען דערזעהט ער פון ווייטען א „יענעראל מיט עפאליעטען״; ער וואלט געמעגט שווערען, אז ס׳איז בנימין. ישראל לאזט זיך געהן און סימע נאך איהם, נאר ווי פיעל זייא געהען, קאנען זיי צו איהם ניט גרייכען. „גיכער א ביסעל! זעה נאר ווי זיא שלעפט זיך? נו ריהר זיך! ריהר זיך!— שרייט ער צו סימען, און ביידע לאזען זייא זיך לויפען, לויפען מיט אלע כחות, און ישראל הערט נישט אויף צוא שרייען אויף סימען: „גיכער! גיכער! שלעפט זיך וויא א טשערעפאכע! סימע, פערברענט זאלסט דו ניט ווערען! !...״

— נאט איז מיט דיר, וואס שרייסט דוא? — זאגט צו איהם סימע און טארעט איהם פונ׳ם שלאף. ישראל חאפט זיך אויף, שטעלט אויס אפאר אויגען, שפייט אויס דריי מאל, קעהרט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, ווערט אנשלאפען און זעהט א נייעם חלום, נאך איין ערגערען וויא פריהער: א שווארצע חופה... שווארצע ליכט... א שווארצע מטה... עמיצער שטעט מיט איין אבצווייגע און וויל איהם ארויסרייסען א צאהן, לאזט ער זיך ניט, בארעט זיך, דערהערט ער בנימינ׳ס קול:

— טאטע... טאטע... ס׳איז פון דיין טובה וועגען.... . . . . . .

ג.

פון לעמעל דעם סטארעסטע האט איהר געהערט אמאל? צי איהר הערט דאס ערשטע מאל לעמעלס נאמען? ווי קומט דאס? ער איז דאך א יוד וואס האט א שם אומעדום. א חוין וואס ער איז סטארעסטע אין אופּראווע און א קאבלעפּעל און פיהרט דאס גאנצע שטעטיל בּייא דער נאז, איז ער א גאנצער מאבער דארט אין דער "גובּערניע", אויסגעבּונדען מיט אלע גרעססטע. אז ער קומט צופאהרען אין דער גובּערניע, זאגט ער ווייסט ער ניט וואהין ער זאל געהן פריהער: איטליכער, זאגט ער, שלעפּט איהם צו זיך: "פּאני לעמעל! גאספּאדין לעמעל! רב לעמעל!" סע טהוט זיך! אלע מאל ווען ער קומט צו פאהרען פון דער "גובּערניע" מוז ער בּריינגען עפּיס א נייס וואס זאל זיין נאכדעם אויף דריי חדשים צו רעדען: א גרויסען אנזעץ פון דריי מאל הונדערט טויזענד, א מורא'דיגע שרפה, וואס פינף און זיבּעציג נפשות זענען פערבּרענט געווארען, אדער א שרעקליכע הריגה אין מיטען שטאדט, וואס די האר שטעלען זיך קאפּויער. און חאטש בּיי לעמלען זענען די אנזעצען אבּיסיל צו אפּט, די שרפות מיט הריגות כּמעט אלע וואך, פון דעסטוועגען איז קיינעם בּיז אהער נישט איינגעפאלען ער זאל זיך אנידערשטעלען דערויף; אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיה ניט, למאי די גאזעטען מעגען? איהר דארפט נאך געדענקען מן הסתם די שרעקליכע מעשה וואס איז געווען בּעשריבּען אנומעלטען אויף אלע גאזעטען. פערלאפען האט זיך דאס אין בּיאליסטאק, אין ריגא אדער אין זיטאמיר, איך געדענק שוין ניט אקוראט. אזוי איז געווען די מעשה: איין מאל איז געזעסען א פרוי מיט א זויגעדיג קינד אויף די הענד פלוצים צעוויינט זיך דאס קינד, וויל די פרוי דעם געבּען זויגען און צעשפּילט זיך, שפּרינגט ארויף א שלאנג צו איהר אויפ'ן שוים און חאפּט די בּרוסט אין מויל אריין און לאזט ניט ארוים שוין בּאלד דריי מעת־לעת. אלע דאקטוירים מיט די גרעססטע פּראפעסארען קומען צופאהרען און פאהרען אוועק, זיי ווייסען ניט וואס צו טהון: אבּרייסען די שלאנג מיט גוואלד האבּען זיי מורא, טאמער לאזט זי דעם גיפט, איז די פרוי א פּערפאלענע: לאזען זויגען וועט זי פון איהר ארויסציען דאס דם־התמצית!

וואס דער סוף וועט זיין, וועלען מיר מסתמא מודיע זיין אונזערע לעזער... אזוי לאזען אוים די גאזעטען, און שוין מעהר אז דריי יאהר שרייבען מיר אוים און לייענען דיא גאזעטען און וויסען נישט עד היום דעם סוף פון דער שרעקליכער מעשה און וואס מאכט די אום גליקליכע פרוי נעביך? רעכנען אז די שלאנג זוינט נאך, — איז עפים נישט צו גלויבען, עס קומט אוים אבימיל חוץ לדרך הטבע; און ווידער אז די פרוי זאל האבען געשטארבען, וואלטען דאך די גאזעטען געשריבען. לכן מוזען מיר אנקומען דערצו, אז ס'איז נישט קיין פרוי נישט קיין ברוסט און נישט קיין שלאנג, וואס דען? אפנים אליגען!

אדער נישט לאנג האבען מיר געלייענט אויף די גאזעטען אזא מעשה: אין א קליין שטעטדיל (דאכט זיך אין באברויסק) איז געווען א יודישע חתונה. דיא כלי־זמר האבען געשפיעלט. די מחותנים האבען געטאנצט. די סארוועדם מיט די סארווערקעס זענען ארום געלאפען פערטארעראמט, ווי געוויינליך א חתונה. פלוצים זאגט די כלה ס'איז איהר נישט גוט און לייגט זיך צו אויף אוויילעטשקי. און אזוי ווי זי האט זיך צו געלייגט אזוי איז זי אנשלאפען געווארען. די כלי־זמר שפיעלען, די מחותנים טאנצען. די סארווערם מיט די סארווערקעס לויפען ארום פערטארעראמט — די כלה שלאפט. מע האט שוין אבגעשפיעלט, אבגעטאנצט, אבגעגעסען די גילדענע יויך — די כלה שלאפט. דער עולם איז זיך צעגאנגען אהיים, מע פער־לעשט די ליכט די כלה שלאפט. מע שטעהט אויף אין דער פריה — די כלה שלאפט. מע לייגט זיך שלאפען — די כלה שלאפט. מע שטעהט אויף — די כלה שלאפט. הקצור ס'איז שוין דריי וואכען נאך דער חתונה — און די כלה שלאפט! "וואס מיט איהר איז געשעהן — אזוי שרייבט דאס בלאט — ווייסט מען נישט; אז די כלה וועט אויפ־שטעהן וועלען מיר מסתמא באלד געבען צו וויסען אונזערע לעזער"... ס'פערשטעהט זיך שוין דאס אנדערע יאהר אז מיר שרייבען אוים נור דאס דאזיגע בלאט, מיר האבען מורא טאמער חאפט זיך אויף די כלה און מיר וועלען אפילו ניט וויסען ווער ס'האט אונז געשליירט! — עס איז אבער ארויסגעווארפען די טרחה; אלע טאג, אז עס קומט אן דאס בלאט, איז דאס ערשטע פרעגט מיך מיין ווייב:

— וואס הערט זיך מיט באברויסקער כלה ?

— נישטא גאר נישט, די משמעות אז זיא שלאפט נאך — אזוי אנטפער איך מיין ווייב, און ביי זיך אין הארצען טראכט איך מיר: „או וועה איך האב מורא אויב די גאנצע מעשה איז ניט קיין אויס געטראכטע מעשה, שקר וכזב ?...”

אזוי איז מיט אונזער לעמלען אויך. דער חילוק איז נאר, וואס די גאזעטען אז עס מאכט זיך, זייא האקען אריין אמאל א ליגען טהוען זיי דאס מיט א מיין, זייא מיינען געלד; און אונזער לעמיל דער סטארעסטע איז גלאט א שקרן און א פלאפלער. היינט שטעלט זיך פאר, וואס פאר א יום טוב ס'איז געוועזן פאר אונזער סטארעסטע, אז ס'איז אנגעקומען פלוצים אין דער אופראווע פון דער גובערניע א פאפיר מע זאל אויסשליסען פונ'ם יודישען קהל בנימינ'ען דעם זוהן פון ישראל ריטערמאן, מחמת ער האט אנגענומען איין אנדער גלויבען...

לעמעל דער סטרעסטע, אז ער האט נור איבער געלייענט דאס פאפיר, האט ער פערגעסען אלע געשעפטען מיט דער אופראווע, געכאפט דאס פאפיר און איז אוועק געלאפען אין גאס אריין, זיך אלע מאל אבגעשטעלט, איינגערוימט איטליכען בעזונדער א סוד אויפ'ן אויער און צעפויקט איבער דער גאנצער שטאדט.

פעראן צייטען, וואס מע קאן זייא אנרופען די „שטיל שווייגענדע טעג”. דער הימעל איז לויטער, קיין שפריינקעלע, קיין ווינטעלי, שא שטיל ארום און ארום; אלע שלאפען, וויא אויסגעשטארבען דיא גאנצע שטאט, פלוצים, מע ווייסט ניט פון וואנען, עס פאלט אראב א באמבע און רייסט אויף די גאנצע וועלט, אלע חאפען זיך אויף און לאזען זיך לויפען: „הא ? וואס איז געשעהן ?” — עס ווערט לעבעדיג, פרייליך אין שטעדטיל.

דיא מעשה מיט ישראל דעם שמש זוהנדיל איז געוועזן יענע באמבע, וואס האט אויפגעריסען דאס גאנצע שטעדטיל און אויף געוועקט אלע יודען. איטליכער בעזונדער איז געוועזן אזוי צעקאכט און אויפגעטראגען פון דער מעשה, גלייך וויא ס'איז איהם נוגע אין נפש אדער אין פרנסה, גלייך וויא עס געהט איהם מעהר נישט

אב, נאר דאס. אסך האבען אוועק געווארפען געשעפט, דאס עסען אין מיטען, און ארויסגעגאנגען אין מארק „הערען וואס עס הערט זיך"? ארום רב הערש דעם נגיד'ס שטוב זענען געשטאנען גאנצע רעדליך מענשען, און רב הערש אליין איז געשטאנען אין חאלאט און אין דער יארמילקע ביים גאניק פון שטוב, ארומגערינגעלט מיט זיינע מקורבים און מיט גלאט יודען ווילד פרעמדע, וואס חנפה'נ'ען און לעקען איהם, טאמער וועט דערפון עפּיס ארויס אמאל א שטיקיל טובה, א קשיה אויף א מעשה?... רב הערש דרשה'ט און דיא לעקערם פאדטאקעווען איהם:

— מתטמא! וואס דען? זייא זענען ניט גערעכט? זייא זענען זעהר גערעכט!

— א שמש, א פארך, א קבצן, וויל ער זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט! — זאגט רב הערש מיט זיין צווייענדיג הוסטיל — הם... הם... א דאקטאר האט זיך איהם גאר פערוואלט מאכען פון זיין זוהנדיל! און אז ער וואלט זיין א שמש וויא דער טאטע, צוא חלילה א מלמד, וויים איך ניט וואס ס'וואלט געווען! איך וואלט א בעלן זיין הערען וואס זאגט דער שמש אונזערער צונד? צו ער ווייסט נאך ניט פון דער בשורה הם... הם...? עפּיס זעהט מען איהם ניט דעם שלים־מזל, וואו קאן ער זיין?

עס האבען זיך געפונען א זעלכע וואס האבען זיך ניט געפוילט געהן אין שול אריין און צום שמש אהים — און האבען ישראל'ן נישט געקאנט געפינען אין ערגיץ.

ח.

די וואס זענען געוואהנט געווארען צו די "העכסט־אינטערעסאנטע" ראמאנען וואלטען א בעלן געווען אז ישראל דער שמש זאל זיך שלאגען קאפ אן וואנד, אדער ער זאל לויפען צום טייך זיך טרינקען, אדער ער זאל ארויף אין בית־מדרש אויפ'ן בוידעם און זיך אויפ־הענגען אויף די באנטענעס, ווייב און קינדער זאלען יאמערען און קלאגען, די שטאדט זאל זיך וויגען, קאכען ווי אין א קעסיל — הכלל עס זאל דונערען און בליצען! עס קאן זיין אז איצטיגעס מאל וואלט

איך זיי צוליעב געטהון. נאר וואס נקען איך מאכען, אז ישראל דער שמש ווייסט נאך גאר נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום ? דעמאלט ווען די גאנצע שטאדט האט זיך ארומגעטראגען מיט׳ן ״פאפיר״ איז גאר ישראל געזעסען ביי זיין איין־און־איינציגען גוטען פריינד און בעלסוד ירחמיאל משה דעם מלמד. אין דער איינענער צייט וואס איז אנגעקומען אין דער אופראווע דאס געווייסע ״פאפיר״ האט ישראל דער שמש אבגענומען פון דער פאסט א גאנצען פאקעט וואס איז אידהם אנגעקומען פון זיין זוהן. ער האט נאך קיינמאל אזא גרויסען, אזא לאנגען בריעף נישט געהאט פון בנימינ׳ען — א גאנצע מגילה! דורכגעלייענט מיט גרוים מיה א פאר בלעטליך און נים פערשטאנען כמעט איין ווארט, איז ער אוועק צו ירחמיאל משה דעם מלמד.

— ס׳איז דא! — האט ישראל אויסגעשריגען נאך פון דער טהיר מיט א שמחה.

— א בריוויל פון אייער זוהן?

— נאך א מין בריוועל, אויף דריי בויגעליך פאפיר!

דערהערט דריי בויגעליך פאפיר האט דער מלמד אוועקגיליינט שער און אייזען און די תלמידים האבען זיך דערוויל מחיה געווען א קליינינגקייט מע וועט קענען שפיעלען דערוויל אין ״פאטשערליך״ און אין ״טרעפעניש״, און גלאט אזוי זיך אברוהען פונ׳ם חומש איז אויך עפים ווערט! ירחמיאל משה האט אנגעטאן די בעקאנטע ברילען אויף דער נאז און האט זיך גענומען לייענען דעם בריף בקול רם און מיט א נגון. נאר כל זמן עס האט זיך געלייענט האט זיך געלייענט! וואס ווייטער ווייטער האט ער אנגעהויבען א ביסעלע זיך פאראיקען און אבשטעלען זיך, ווי מע געהט אויף שטיינער, ווייל ס׳ אז אוועקגעגאנגען הארבע עברי, מאדנע ווערטער, אזעלכע וואס ער האט זיי אויף זיין לעבען אין ערגיץ נים בעגעגענט. ער האט אלע מינוט צורעכט גע־מאכט די בריל אויף דער נאז, צוגעטראגען דאס בריוועל נעהענטער צום פענסטער, געקנייטשט מיט די פלייצעס און געקוים די ווערטער:

— הם...הם...עפים מלאכים שפראך... נאציע... מאנציפאציע... פצפציה.. לאז מיך אזוי וויסען א בייזע וועטשערע!

ישראל איז געזעסען, געזעסען אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנד ביים עק טיש, געקוקט געקוקט ירחמיאל משה'ן אין מויל אריין זיך צוגעהערט מיט מח צוא איטליכעס ווארט, געוואלט האפען דעם רעכטען געדאנק — און ניט געקענט בשום אופן. ער האט ניט פערשטאנען וואס בעדייט דאס, וואס בנימין פלוצים פערענטפערט זיך און שווערט זיך מיט שבועות אז ער איז דער אייגענער מענש וואס פריהער, אדרבה נאך מיט מעהר ליעבשאפט און נאך מיט מעהר געטריישפט... ישראל האט ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס זאל ער איצטער ניט זיין דער אייגענער וואס פריהער? און וואס בעדייט דאס דאזיגע וואס ער בעט פון איהם ער זאהל איהם מוחל זיין? וואס זאל ער איהם מוחל זיין?... „עס האט אנדערש נישט געקאנט זיין, שרייבט ער, ער האט געגווג געמוטשעט זיך, ווייל ער ווייסט, זאגט ער, גאנץ גוט וואס פאר א וועהטיג ער טהוט אן זיינע ארימע עלטערען; נאר דאס שלאגען זיך פון קינדוויז אן צוא דער ליכטיגקייט, דאס רייסען זיך צום וויסענשאפט איז ביי איהם אזוי גרויס, אזוי שטארק, אז עס האט גובר געווען.”

דא דערמאנט זיך ישראל אינ'ם חלום וואס האט זיך איהם נעכ־טען געחלומ'ט און עס טהוט איהם א טיאכקע דאס הארץ, וויא א מענש וואס דערמאנט זיך אז מע בעדארף איהם מאכען איין אפעראציע... ער טהוט זיך א חאפ.

— וואס? וואס? נאך א מאל, לייענט נאך א מאל וואס שרייבט ער וואס?...

ירחמיאל משה טהוט ארוק די ברילען ארויף און וויל לייענען נאך א מאל, פלוצים עפענט זיך דיא טהיר און עס קומט אריין...

בנימין!

אזוי מיינט איהר? האט קיין פאראיבעל ניט, איהר האט היינטיגעס מאל נישט געטראפען. ווען איך זאל שרייבען א „העכסט־אינטערע־סאנטעם ראמאן אין פיער טהייל מיט איין עפילאג” וואלט דא געפאסט עס זאל אריינקומען דוקא בנימין, שוין דוקא א פארטיגער דאקטאר, און פאר וואס ניט קיין „פאלקאוואי דאקטאר מיט פאליעטען” און מיט א משין פון א גענעראל? וואס איז, סע קאסט מיר געלט? בנימין

דער גענעראל פאלט דעם ארימען פאטער ישראל'ן אויפ'ן האלז און הויבט איהם אן שטארק קושען". און דער ארימער פאטער „טהוט פערגיסען טרערען". און אויף זיי קוקענדיק הויבט דער מלמד אויך אן צו גיסען טרערען (א מענש איז דאך ניט פון אייזען!) און די תלמידים, וואס האבען ביז אהער געשפילט אין "פאטשערליך" און אין "טרעפעניש", דערזעהען אזא ריהרענדע סצענע הויבען זיי אן "יאמערליך וויינען", דער לעזער, ער זאל האבען א שטיינערנע נשמה און א הארץ פון א טאטער, וואלט ער ביי מיר אויך געמוזט אויסגיסען א טרעהר; איך וואלט איהם, נישקשה, איינגעבעטען... נאר אזוי ווי איך שרייב נישט קיין „העכסט־אינטרעסאנטעס ראמאן אין 4 טהייל מיט איין עפילאג", נאר גלאט אזוי א מעשה, מוז איך דערצעהלען דעם אמת ווי די זאך איז געווען: עס האט זיך געעפענט די טהיר און ס'איז אריינגעקומען נישט בנימין, נאר בתיה הינדע די רביצין, ירחמיאל משה'ס ווייב א יודינע ניט אזא גראבע ווי א הויכע און ניט אזא שענע ווי א געלע, מיט א גרויסען קאשעק פונ'ם מארק. אין קאשעק האט זיך געפונען פון כל טוב: קארטאפלים און ציבעלעס און צווי שווארצע רעטעכער און א שטיקיל לונג און לעבער, וואס זי האט קוים אויס געוויינט ביי שמחה לייב דעם קצב, מחמת לונג און לעבער איז אזא סחורה וואס אויף דעם איז ברוך השם פארהאן תמיד הונדערט בעלנים; ווייבער שלאגען זיך איבער דעם אין מארק ווי להבדיל אין שול די מאנסבילען איבער "אתה הראית", — און ס'איז נאר קיין חדוש ניט: אז קאסטען קאסט דאס וואלוויל און קיין ביינער האט דאס ניט. דאס אז מע קאכט מיט קארטאפלים און מיט ציבעלעס און מיט גענוג פעפער און סעדושעט זיך גוט איין און ס'איז מאסטקע — איז דאך עס טעם גן עדן!...

אריינגעקומען און דערזעהען דעם שמש זיצען ביים טיש מיט איהר מאן און לייענען, האט בתיה הינדע א קוק געטהון אויף זיי ביידען און געוואלט זעהען, צי דער שלים־מזל וויסט שוין צי ניין? נאר פון זייערע פנימ'ער האט זי נישט געקאנט ארויסזעהען גאר ניט, האט זי אוועקגעשטעלט דעם קאשעק און א ווינק געטאהון צו איהר מאן, בשעת מעשה זיך א ווישׁ געטהון מיט דער האנד איבער'ן פנים פון

אונטען ארויף.

— חמיל משה, קום נא אהער!? האט זי איהם א זאג געטהון. ירחמיאל משה האט זיך געשטויסען, אז בתיה הינדע וויל איהם מטמא עפים זאגען, האט ער אויסגעטהון די ברילען און האט זיך ארויסגעהאפט אויף א מינוט אין הויז ארוים און דארט, אויף יענער זייט טהיר, איז פירגעקומען צווישען מאן און ווייב שטילערהייט, אונטער פיער אויגען אזא מין געשפרעך:

זי: ער ווייסט שוין?

ער: ווער?

זי: דער שלים־מזל.

ער: וואסער שלים־מזל?

זי: דער שמש.

ער: פון וואס?

זי: פונ׳ם זוהן.

ער: פון וואסער זוהן?

זי: פון בנימינ׳ען.

ער: אז וואס?

זי: די גאנצע שטאדט האט צו טהון!

ער: מיט וועמען?

זי: מיט זיין זוהן.

ער: מיט וועמענס זוהן?

זי: מיט׳ן שמש זוהן:

ער: אז וואס?

זי: טפו זאלסט דו ווערען!...

גאט ווייס וויפיעל דאס געשפרעך וואלט זיך נאך געצויגען ווען דער שמש אליין זאל ניט געוועזען אונטערקומען א דערשראקענער און א פרעג טהון:

— הא? וואס? וואס דערצעהלט איהר עפים? וואס האט איהר עפים געזאגט בנימין וואס?

בתיה הינדע האט נישט געוואוסט, וואס זאל זיא דא טהון, וויא אזוי דרעהט מען זיך דא אוים? למאי זאל זי זיין דער שליח? א מעדר

וועט זי איהם בעסער אבשיקען גלייך צו לעמעל דעם סטארעסטע, לאז ער זיך מיט אים שלאגען קאפּ אן וואנד.

— גארנישט, וויים איך! — מאכט בתיה הינדע און ווישט זיך דאס פנים מיט דער האנד ארויף — עפּיס א פּאפּיר זאגט מען איז אנגעקומען מכּח אייער זוהן.

— וואסער א פּאפּיר? — פרעגט ישרהל טוידט ווי די ליים.

— אין דער אופּראווע דארטען — זאגט בתיה הינדע.

— וואסער אופּראווע?

— צום סטארעסטע.

— מכּח וואס?

— לעמעל הייסט דאס.

— אז וואס?

— אייער בנימין הייסט דאס.

— וואס בנימין? בנימין? — פרעגט שוין ישראל מיט כּעס.

— איך וויים וואס? פרעגט מיר בּחרם, זייט זיך מטריח אהין, צו לעמלען הייסט דאס, ער איז איצטער אין מארק, לעמעל הייסט דאס מיט'ן פּאפּיר.

„פּאפּיר... לעמעל... אופּראווע... בנימין... די גאנצע שטאדט... וואס זאל דאס בעדייטען? — טראכט זיך ישראל און ער פיהלט, אז עס פלאמט איהם א באק און עס פּייפט אים אין אויער. ער ריקט אן דאס היטיל, בייגט זיך איין אין דרייען און לאזט זיך געהן".

ט.

פארהאן מענשען, וואס האבען ליעב אנקוקען יענעם בשעת אומגליק, ארייננקוקען יענעם גלייך אין פּנים אריין דוקא בשעת ער וויינט, נאכקוקען יענעם ווי אזוי ער גייט נאך דער לויה, זיך צוקוקען ווי יענער ברעכט די הענד, שלאגט זיך קאפּ אן וואנט, וכדומה. איך האלט ניט פון אזעלכע סצענעס. לאז מען זאגען וואס מע וויל, איך האב פיינד טרויעריגע בילדער. מיין מוזע טראגט נישט קיין שווארצען שלייער אויפ'ן פּנים; מיין מוזע איז איין ארימע נאר א פרייליכע... וואוהין האט זיך געלאזט לויפען ישראל דער שמש? מיט

דעמען האט ער זיך גיזעדן? וואס האט ער גיהערט? וואס האט ער געזאגט? — פרעגט גאר נישט, איהר וועט דערפון קיין תענוג נישט האבען. וואס וועט אייך ארויסקומען א שטיינער אז איהר וועט גע־וואהער ווערען אז ס'איז פאראן מענשען, וואס יענעמס צרה איז ביי זייא גאר א „נייעס", יענעמס הארץ איז א פידעל, יענעמס נערוועז זענען סטרונעס, יענעמס וויינען איז א ניגון און יענעמס נשמה — אשפילעכיל? וואס וועט אייך ארויסקומען למשל, אז איהר וועט שוין געוואהער ווערען אז עס האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען דערלעבט א נקמה אין ישראל דעם שמש, דערפאר וואס ער האט זיך ארומגעטראגען טאג ווי נאכט מיט זיין „ווינרישנעם בילעט"?

— א מצוה! — האט געזאגט הנגיד רב הירש מיט זיין צווייענדיג הוסטיל און געגלעט זיך בשעת מעשה דאס בייכיל — א מצוה לאז א קבצן הם... הם... ניט שפרינגען אין פנים אריין! דאקטוירים גאר הם... הם!...

אסך האבען געוויינטליך רחמנות געהאט אויפ'ן שמש נעביך. נאר איך מיין אז עס בעדארף אייך זיין קענטליך דאסווארט „נעביך".

— לאז אייך גאט היטען פון אוידישער טובה און פון אוידישען נעביך — אזוי פלעג זאגען מיין באבע מינדי עליה השלום — ווארום פון אוידישער טובה קאן הארט ווערען דער קאפ און פון א יודישען נעביך — הייליק די ציין...

ערשט ארום פארנאכטליך האט זיך ישראל פערשלעפט אהיים, קוים א לעבידיגער, שטיל זיך אראבגעלאזט אויף דער ערד, אויסגע־טהון דיא שטיוועל, געריסען קריעה און האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שעה „שבעה" דאס אייגענע האבען געטהון סימע און אלע דריי טעכטער, פעסיל סאסיל און ברכצי, געוויינטליך, געגוג געוויינט, גענוג געיאמערט און גענוג געשלאגען זיך קאפ און וואנט, חאטש זיי האבען גענוג איינגעלייגט די וועלט נאך פריהער, איידער ישראל איז געקומען...

שפעטער אז ירחמיאל, משה דער מלמד איז געקומען זיי מנחם אבל זיין, האט ער געטראפען אזא מין בילד: ישראל איז געזעסען בעהאלטען דעם קאפ צווישען די קניהעם; סימע האט זיך פערשטעלט דאס פנים מיטביידע העגד און געווינט שטילערהייט, און פעסיל.

סאסיל מיט ברכצין זענען געזעסען מיט רויטע געשוואלענע אויגען און געקוקט מיט פערגליווערטע פנימ'ר איטליכע אין איין אנדער ווינקעל. דער וועהטיג מיט'ן בזיון איז פאר זייא אלעמען געווען אפנים אזוי גרויס, אז זיי האבען נישט געקאנט קוקען איינס דאס אנדערע אין די אויגען אריין...

אריינגעקומען איז ירחמיאל משה שטיל, אהן א גאט העלף, ווי געוויינטליך מע קומט אריין צו איין אבל, זיך אוועקגעזעצט פאוואלינקע ביי דער זייט אויף איין עק ביינקיל. אזיפץ געטהון און שא, שטום ווי די וואנט. שפעטער אביסיל נאך א זיפץ און אנשוויגען געווארען, און ווייטער א זיפץ און ווידער אנשוויגען געווארען. ערשט אין עטליכע מינוט ארום האט ער זיך ארומגעקוקט, אז ס'איז עפּים נישט קיין תכלית זיצען און שווייגען, מע בעדארף עפּים זאגען א גוטווארט. נאר וואס זאגט מען? מילא נאך א בר־מינן אז עס מאכט זיך חלילה מע זיצט שבעה און מע קומט מנחם־אבל זיין, געפינט זיך נאך ווערטער: „ד' נתן ד' לקח..." אדער: „א מענש מ'שטיינס־געזאגט געגליכען צו א פליג..." אדער: „דער טוידט — דאס אזא זאך וואס אוים דרעהען זיך דערפון קאן מען ניט..." אדער: „עט, הבל הבלים, גלויבט מיר, מיר וועלען אלע שטארבען..." וכדומה אזעלכע ווערטער, וואס שטארק פרייליך אויפ'ן הארצען קאן פון זיי ניט ווערען: נאר דאך איז דאס א שטיקעל רפואה; מענשען רעדען אוים דאס הארץ, ווערט אביסיל גרינגער.... אבער וואס קאן מען זאגען דא ביי אזא מין „שבעה" זיצען נאך א לעבידיגען?... ירחמיאל משה טהוט זיך א דרעה אויפ'ן ביינקיל מיט א הוסטיל, וויל עפּים א זאג טהון, נאר סע זאגט זיך ניט. ער פּרובט זיך עטליכע מאל ביז קוים קוים — ער האט זיך צורעדט, האט ער נישט געקאנט זיך אבשטעלען, נישט געוואוסט דורך וואנען מען האפּט זיך ארויס.

— טא מילא, אויך די אייגענע מעשה, ס'איז דאך נאר, ווי זאגט ער, א נסיון, מיין איך, פון גאט, ווארום אלסדינג, הערט איהר, איז פון איהם, און איהם טהוט זיך ניט קיין זאך, א מינדסטען פינגער הויבט א מענש נישט אויף פון אונטען ביז מע הייסט איהם נישט דארטען פון אויבען... ער איז, וואס טויג מיר מעשׂיות, א רעכטער בעל הבית, אוי, א בעל הבית!... און איהם פאלגט מען, נאך א מין

פאלגען, אוי אוי אוי!... דערימעך איז געדרונגען הערט אידר, אז עס בעדארף זיין אזוי וויא עס איז, א סימן האט אידר, עס זאל בע־דארפען זיין ניט אזוי וואלט געווען ניט אזוי, ווארום ווער נייט דאס איהם ס'זאל זיין דוקא אזוי און ניט אזוי? און אז ער זאל וועלען ס'זאל זיין ניט אזוי וועט איהם עמיצער זאגען א דעה, ניין לאז בעסער זיין ניט אזוי, מיין איך לאז בעסער זיין אזוי און ניט אזוי?...

ירחמיאל משה האט געפיהלט אז ער הויבט עפיס אן צו רעדען אזעלכעס וואס ס'איז נימא וואס צו הערען, האט ער זיך אבגע־שטעלט, גענומען א שמעק טאבאקע, אנגעבויגען דעם קאפ אויף א זייט און ארוים געלאזט א טיפען טיפען זיפץ און האט ביי זיך גע־פועל'ט אז מע בעדארף זיך אויפהויבען געהן. נאר עס איז גרינג צו זאגען אויפהויבען זיך; געה הויב זיך אויף, אז מע איז צוגעקאוועט צום ביינקיל! נישטא, הערט אידר, קיין ערגערער וויזיט אויף דער וועלט וויא מנחם אבל זיין. וויפיעל מאל מיר מאכט זיך קומען צוא יענעם מנחם אבל זיין קען איך קיין מאל נישט אויפהויבען זיך און אוועקגעהען אהן א זייט געזונט. איך בעט גאט אלע מאל, עס זאל זיך עפיס טרעפען א נס מן השמים: אדער דער וואס זיצט זאל אנ־שלאפען ווערען זיצענדיג, פאוואלינקע אויף די שפיץ פינגער ארוים־גנב'נען פון שטוב; אדער ס'זאל זיך מאכען עפיס פלוצים אין דרויסען א געשלעג, א שרפה, איין אנגעלאף, וועל איך מיך דערווייל קענען ארויסחאפען פון געפיינגעניש... ירחמיאל משה איז געזעסען נאך אביסיל, ביז ער האט א קוק געטהון פריהער אויף דער סטעלי און נאכדעם אויף אלע פיער ווענט, געזוכט אפנים אזייגער און אזאג געטהון צו זיך אליין:

— מע בעדארף אנהויבען טראכטען מכח געהן... די ווייסע חבר־רה'ניקעס וועלען איבערקערען דעם חדר מיט דעם קאפ אראב און מיט די פים ארויף.

און נאך עטליכע מאל לאזענדיג זיך צו דער טהיר אומקעהרענ־דיג זיך צוריק, האט ער קוים אריבערגעשפאנט מיט איין פוס אויף יענער זייט שוועל און ערשט דא האט ער זיך דערמאנט זיי אויסרע־דען דאס הארץ, טרייסטען זיי זאלען אויפהערין זארגען, ווארום גאט איז א פאטער, ער קען... און טאמער חלילה אביסעל מעהר איז אויף

אהן אײן אומגליק, און אם ירצה השם אויף דער נאכט נאך מעריב וועט ער זיך ארײנחאפּען נאך אמאל א ביסיל זיצען, און זארגען זיך זאלען זײ זיך ניט זארגען, מחמת גאט איז א פאטער, וואס ער קען מאכען קען דאס קײן מענשען־פערשטאנד נישט משיג זײן... ובפרט זײ האבען קינדער זאלען געזונד זײן, שוין דערוואקסענע קײן עין הרע...

די שעה איז איבערגעגאנגען און ישראל מיט זײן הויז געזינד זענען אויפגעשטאנען פון דער ערד שטיל, אהן ווערטער, אנגעטהון די שיך און צוקראכען זיך איטליכער אין א בעזונדער ווינקעל... ישראל (איך זאל ניט מורא האבען פאר א גוזמא וואלט איך געזאגט אז ער האט זיך אין דעם אײגענעם טאג א רוק געטהון צעהן יאהר!) האט אויף דער גיך אבגעהאפּט מנחה, זיך אבגעקלאפּט תחנון, אויסגעשפּיגען „עלינו" און געלאזט זיך געהן אין בית המדרש ארײן ער זאל האטש פערהאפּען צו מעריב, דערווײל איז ער דאך שמש, א פערקיפּטער מענש, מוז ער זײן אויפ'ן ארט. פרנסה, הערט איהר, אוי איז דאס א סגולה, א מיטעל צו פערטרײבען אלע זארגען, פערגעסען אלע צרות!...

וואס הערט זיך עפּים מיט אײער „וויגרישנע בילעט"? — האבען זיך געפונען אזעלכע לײדיגגעהערס וואס האבען אים א פרעג געטהון — וואס מאכט עפּים אײער זוהן?

— עליו השלום, וואו האב איך א זוהן? — ענטפערט ישראל מיט א ביטער שמײכעל...

אין דעם דאזיגען שמײכעל איז געלעגען אזוי פיעל גאל, אז די לײדיגגעהערס איז אזש געווארען איבער דער טבע און זײא זענען אבגעטראטען אויף אזײט, ס'איז געווען גענוג מע זאל איהם נור א קוק טהון אין פּנים ארײן אז מע זאל מיט איהם שוין מעהר ניט וועלען רעדען פון זײן זוהן.

* * *

וואס איז געווען ווײטער? וואס איז דער סוף פון בנימינ'ען? צי האט ער געשריבען נאך בריעף? און וואס האט ער געשריבען? און צי האט איהם דער פאטער געענטפערט, צי נײן? און אז ער האט אים געענטפערט וואס האט ער איהם געענטפערט? — קוועטשט מיך ניט, אצונד וועל איך אײך ניט זאגען גאר נישט. איך בין נאר אײך מחויב צו זאגען, אז פאר ישראל דעם שמש איז שוין נישט געווען מעהר קײן בנימין. געשטארבען בנימין.

דער „וויגרישנע בילעט" איז פאר ישראל דעם שמש ארוים אין טיראזש...